י. מ. ווייסענבערג

# קאספּע.

75174

Тип. Б, Туршъ, Варшава в, Георгія 34

# פּערזאָנען:

| | |
|---|---|
| קאַספּער | אַ גוט־בעזיצער. |
| פראַנצשיסקאַ | זײַן בוכהאַלטער. |
| חעלענע | פראַנצשיסקאַס פרוי. |
| וויקטאָריאַ | קאַספּערס פרוי. |
| אַניוטאַ | אַ שטוב־פרײַלײַן. |
| אדם<br>משה | תבואה־סוחרים. |
| יוסף | אַ שנײַדער. |
| אַנטאָני אַניעליטש<br>יוזעף אַניעליטש | צוויי ברידער, זיהן פון אַ גוט־בעזיצער, קאַספּערס אַ שכן. |
| מאַנקאַ | פראַנצשיסקאַס עלטסטע טאָכטער, פיערצען יאָהר אַלט. |
| פנחס | אַ פעלדשער־יונגעל. |
| גבריאל<br>חיים | הענדלער פון אַלטוואַרג. |
| אַנאַפּחי | אַ גלח, חעלענעס אַ ברודער. |
| אַלטער אַניעליטש | אַנטאָניס און יוזעפ׳ס פאָטער. |

(נאָך שלאַכטעס, צוויי ווײַבלעך, צוויי פויערים, פאָלק).

# ערשטער אקט

# ערשטער אקט.

---

## ערשטע סצענע.

א שטוב אין קאספערס הויז. איין טיר לינקס, צוויי פענסטער אויבען-אן, א טישעל מיט א סערוועט און א שטע-הענדיג שפיגעלע דערויף אין מיטען שטוב. איבער דער רעכ-טער זייט אויף דער וואנד א גרויסער שפיגעל מיט א פאדער-טישעל, דערביי איז וויקטאריא אין מארגען-קלייד, מאכט די פריזורע צורעכט. א וויעג-שטוהל שטעהט דערנעבען, אויף וועלכער אנפאנגס זיצט זי און שפיגעלט זיך אין קליינעם שפי-געלע, האלטענדיג עס אין דער האנד, איבער'ן קאנט טיש, נאכהער לאזט זי דאס און קעהרט זיך אום רעכטס צום גרויסען שפיגעל, שטעלט זיך אויף און הויבט זיך אן צו שפיגלען.

**קאספער:** (קומט אריינצוגעהן) דו שלאפסט שוין ניט?

**וויקטאריא:** ניין, מיין מענדעלע. גוט מארגען!

**קאספער:** גוט מארגען. [גיט איהר א קוש אין דער האנד] איך האב גע-מיינט, אז דו וועסט היינט שלאפען ביז ווארמעס.

**וויקטאריא:** וואס פעלט דיר עפעס איין?

**קאספער:** ניין, גארנישט. איך האב דיך גערופען נעכטען ביינאכט, אז מיר זאלען אהיים געהען וואס פריהער, צום סוף האסטו נישט געוואלט.

**וויקטאריא:** ווײַל איך האָב נישט געהאַט נאָך וואָס; שלאָפען איז נאָך שטענדיג צײַט געווען...

**קאספער:** נו יאָ, בּיזט געערגערט, מײַן ווײַבעלע; שלאָפען איז נאָך שטענדיג צײַט געווען. נור נאָך וואָס זשע אָבער האָב איך מיך ארומצושלעפּען בּיז נאָך האַלבער נאַכט איבער פרעמדע שטובען?

**וויקטאריא:** זעה נאָר, זעה: יענער וויל זיך אַמאָל אַ שטיקעל פער־געניגען אָנטהון, מאַכט עקסטרע אַ בּאַל, כּדי אונז צו האָבען בּײַ זיך, זאָלען מיר נישט געהען צו איהם.

**קאספער:** אָבער אויף וויפיעל איז דער שיעור?

**וויקטאריא:** אויף וויפיעל? קענען וואָס איז דען, מענעלע. האָבען מיר זיך דען נישט געבּוינזשעט אויסצושלאָפען?

**קאספער:** יאָ. פאַר וואָס נישט.

**וויקטאריא:** נו טאָ אין וואָס זשע געהט עס? דאַרף מען אַ שטיקעל צײַט צו פערבּרענגען בּײַנאַכט אויך.

**קאספער:** אָבער דאָס קאָסט געלד.

**וויקטאריא:** וועמענס געלד? ס'איז אפשר נישט זײַן בּאַל געווען?

**קאספער:** זײַן בּאַל, זײַן געלד — אָבער דער מענש איז דײַן!

**וויקטאריא:** וואָס פאַר אַ מענש? [פאַלט אַראָב אויף דער וויגע־שטוהל].

**קאספער:** דער מענש, דער מענש פון בּאַל, דער איז דײַן מענש. אונזער געשעפטספיהרער, אונזער בּוכהאַלטער! דו פער־שטעהסט!

**וויקטאריא:** נו, מענעלע, נו טאָ וואָס זשע איז?

**קאספער:** איז גאָר נישט. טאָ איז, אַז דער מענש איז דײַן, פאַר דעם געהאַלט, וואָס ער נעהמט בּײַ דיר איבער יעדען חודש, איז דאָס געלד זײַנס: נישט דײַן... אודאי נישט דײַן.

**וויקטאריא:** נו יאָ, זײַן. נו ווי זשע דען, מענעלע, זאָג איך?

**קאספער:** נו יאָ, אויך דאָס אײַגענע; אַז דער מענש איז רײַן און געהאַלט נעמט ער בײַ דיר, פון דיר לעבט ער, אַ מערכה דו בעצאָהלסט איהם יעדען חודש מיט רײַן גאָלד פון דײַנע אײַגענע שיפלאָדען אַרויס — איז דאָס געלד זײַנס — דײַן...

**וויקטאריא:** איך פערשטעה דיך נישט, מענעלע, וואָס דו מײַנסט.

**קאספער:** פאַר וואָס פערשטעהסט דו נישט? אויב דו ביזט יאָ אַזאַ געטרײַע אַנהענגערין; צו וועלכען האָסט דו איהם געדאַרפען לאָזען אַזוי פיעל געלד קאַליע מאַכען? אַזאַ אָבענד קאָסט דאָך נישט קײַן קלײַנעם גראָשען!

**וויקטאריא:** נו, עס איז דאָך שוין געוועזען סײַ ווי סײַ אַלץ אָנגעגרײַט, אפילו אַז מיר זאָלען נישט קומען. וויפיעל עס האָט געהאַט צו קאָסטען, האָט עס דאָך שוין אַזוי צי אַזוי געקאָסט. נו טאָ וואָס זשע זאָל איך דאָ נישט געהען צו איהם. און אַז געהען, וואָס זשע וועל איך איהם שוין אײַנבערענגען, אויב איך וועל אפילו נישט פערברענגען בײַ איהם!

**קאספער:** דער מענש אָבער זינקט אין חובות, אָדער וועט זינקען, אויב ער זינקט נאָך נישט!

**וויקטאריא:** דו גיסט איהם דען נישט גענוג געהאַלט?

**קאספער:** איך ווײס וויפיעל דער שיעור איז פון גענוג געהאַלט?

**וויקטאריא:** אָבער דו גיסט איהם גאַנץ שען?

**קאספער:** גאַנץ שען.

**וויקטאריא:** נו, טאָ וואָס זשע דען?

**קאספער:** גאָרנישט, איך זאָג גאָרנישט, זאָג איך; נור דו ווײסט נישט וויפיעל עס דאַרף בעטרעפען אַזאַ שטײַגער קלײד, ווי די פרוי זײַנע, ווי הײסט זי, חעלענאַ — האָט נעכטען געטראָגען?

**וויקטאריא:** חעלענא? איך ווייס נישט. עס ווענדט זיך צי ביי א ביי־לינגען שניידער, צי נישט, איז עס געמאלט געווארען, און צי זענען די צוראטען נישט קיין בילינגע.

**קאספער:** אזוי, דו ווייסט נישט. קיין צוויי הונדערט רובל קען מען אוודאי נישט שטעלען דערפאר?

**וויקטאריא:** נו יא, אוודאי אזוי; א מענש דארף חאטש איינמאל איי־בער זיין גאנץ לעבען האבען א רעכט קלייד אנצוטהון.

**קאספער:** (געהט איבער דער שטוב) אט אזוי געהט מיין געלד צו פייער און צו וואסער.

**וויקטאריא:** מענעלע, דו זאלסט מיר נישט פעראיבעל האבען; דו ביסט דאך עפיס גאר פון זינען אראב. ווי הייסט? פראנ־צשיסקא פערדינט נישט? און חעלענע דארף נישט קיין שען קלייד צו האבען?

**קאספער:** יא, פאר וואס נישט? און דאדורך נאך א סך מאל מעהר, וויפיעל ער, דער מאן, קען פערדינען. אזא פראנ־צשיסקא, אזא „פארך״!..

**וויקטאריא:** מענעלע, פאר וואס דארף ער דאס נישט?

**קאספער:** ווער זאגט דיר דען, אז נישט. אבער פון וועלכע אוצרות? דו האסט נישט געזעהען, וואס פאר א יודעלעך עס האבען זיך אויפ'ן הויף ארומגעדרעהט? אפשר קלערט מען ש״ין אב פאר זיינעטוועגען עפעס ווי אזוי געלד צו בעקומען. און פון וועמענס „מאיאנטיק?״ אפשר פון זיינעם וועט ער געהען מיט זיי מאכען העלפט זיך און העלפט זיי?

**וויקטאריא:** סטייטש?

**קאספער:** אנדערש קען איך דאך דאס נישט פערשטעהען! [דרעהט זיך ארום. א ווײַלע שטיל]

**וויקטאריא:** איז שוין נישט אנדערש, זאגסט דו, נור ער האנדעלט מיט יודעלעך?

קאספער : שוין גאָר ניִשט אַנדערש. [גייט אויף און אָב] נו וואָס זשע זאָגסטו דו אַצינד?

וויקטאריא: זעהסט, מענעלע: איך פערשטעה דאָך דיך קיינמאָל ניִשט, ווען דו רעדסט עפּיס... נור, אַז דו ווילסט מיך פּאָלגען, דערלעג איהם עפּיס אויפ'ן נעהאַלט, אַז ער זאָל ניִשט דאַרפען האַנדלען מיט קיין יודעלעך. און דו זאָלסט פערשפּאָרען איבערצוקלערען — ווענען וואָס?.. נו בע־שטעהסט דו אַזוי, מענעלע?

קאספער : ציִ איך בעשטעה?

וויקטאריא: יאָ?

קאספער : גלויב מיר, אַז איך ווייס עס אַליין ניִשט... נור מיר ווילען עס אין גיכען וויסען!

וויקטאריא: וואָס? טאַקי יאָ?

קאספער : אפשר טאַקי, אַז יאָ...

וויקטאריא: אוי, הלואי, גאָט זאָל געבען. ער איז דאָך אזא ערהרליי־כער קריסט, און זי, חלעענטשע, און די קינדערלעך זע־נען דאָך אַזעלכע שענע, אַזעלכע וואוילע...

קאספער : נו יאָ... איבערהויפּט ער.

וויקטאריא: וואָס זאָגסט דו, ניין?

קאספער : יאָ. ער איז, ווי דו זאָגסט: אַנ'ערהרליכער קריסט...

וויקטאריא: נו ווערסטו איהם שוין דערלעגען אויף זיכער?

קאספער : וויקטאָריאַ, מעגסט זיך שוין אָנטהון און מאַכען די טוא־לעטע צורעכט. מיר איז שוין דאָס הארץ אַוועק. עס נאָגט מיך שוין בייִם הארץ. פון בעגינען אָן בין איך שוין אויף.

וויקטאריא: ציִ אַזוי שפּעט איז שוין דען טאַקי?

קאספער : ווי פאַר איינעם. פאַר די מענשען מיט ווייניג זאָרג, אי־בערהויפּט פאַר די, וואָס שלאָפען לאַנג — איז נאָך ניִשט

גאַנץ שפּעט. נור פאַר דיִ, וואָס שטעהען אויף פריִה צו זייער מיִה — איז שוין דער „דזשאַר״ אויפ׳ן צעהנטען דאָרף.

וויקטאריא: [האַפּט זיך גיך פאַר דער פּריִזורע, אויפשפּרינגענדיִג פון דער וויִעגי שטוהל] אַך! און איך פערשלאָף אַזוי די צייט.

קאספּער : האָסט נאַרגיִשט פערשפּעטיִגט, מיין געליעבטע. דיין מאַן איז שוין לאַנג אויף... [גיִט איהר אַ קוש און קאַפּ אַריין. געהט אַרויס פון שטוב].

וויקטאריא: [בלייבענדיִג אַליין און מאַכענדיִג געשיִקט מיִט די הענד ביי דער פּריִזורע און האַפּענדיִג אַלעמאָל אַנ׳אַנדער שפּיִלקעלע און אַנ׳אַנדער קעמעלע פון טיִשעל אַראָב אין די האָהר אַריינצוּוועצען] אַך, שטענדיִג רעדט ער עפּעס אַזוי, אַז קיינמאָל פערשטעה איך איהם ניִשט. וואָס די מענער ווענען!..

אניוטא : [אין אַ לאַנג שוואַרץ קלייד. אַ שלאַנקע פיִגור, אַ לענגליִך, בלאַס-ליִך אויסגעצויגען געזיִכט און לאַנגע דעליִקאַטע פיִנגער, באַווייזט זיִך אויף דער שוועל, לאַנגזאַם אַריינקומענדיִג].

וויקטאריא: אַניוטאַ, האָסט געקעהרט צו זאָגען דער דיִענסט, זי זאָל אַרויסלעגען די קאָלדרעס פון מיין שלאָף-ציִמער צום לופ-טערן.

אניוטא : ניִשקשה, זייט רוהיִג, מיין בעל-בית׳טע. איך האָב עס שוין אַליין געטהון.

וויקטאריא: און וואו איז זי, די דיִענסט?

אניוטא : זי איז אויפ׳ן הויף. זי גיִט די הינער מיט די קאַטשקעס צו עסען.

וויקטאריא: אוי, אַניוטאַ, האָבען מיר געלעבט אַזוי פיִעל פערגעניִגען געהאַט, אַ שאָד נור, וואָס דו ביִזט אויך ניִשט געווען דאָרט מיִט אונז.

אניוטא : וואָס, מען האָט דאָרט געשפּיִעלט אויף אַ פּאַרטעפּיאַנע אויך?

**וויקטאַריאַ:** נײַן. נור עֶס איז געווען זעהר פרעהליך און זעהר פרײַנדליך זיך אונטערצוהאַלטען די עטליכע שעה, וואָס מיר האָבען דאָרט פערבראַכט. אַניוטאַ, איך וואָלט דיר נור געוואונשען, אַז דו זאָלסט דיר נאָך אַ מאָל אַזוי גוט לעבען מיט אַ מאַן, ווי חעלענטשע לעבט זיך מיט פראַנצשיסקאַ׳ן. איך האָב דאָך מיר נאָר נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער זאָל אַזוי גוט בעהאַנדלען אַ ווײַב. דעם אמת זאָגענדיג, איז זי טאַקי אַ זעלטענע שעהנהײַט און אַ ליעבע אויך, דו ווײסט, אַניוטאַ, און ער אויך — חאָטש אַ ביסעלע אַנ׳אָרימליכער — נור זיי מעגען זיך בײדע גליקליך שעצען, ווי גוט זיי לעבען. הלוואי דו זאָלסט דיר נישט ערגער טרעפען.

**אַניוטאַ:** זעהט איהר, בעל־הבית׳טעשי. איך, אַז טרעפען, וואָלט איך שוין געוואָלט עפּעס בעסערס, חאָטש אַ מאַן מיט אַנ׳אײגענעם גוט און פון אײדעלן שטאַם.

**וויקטאַריאַ:** נו, געהט שוין. וואו ווערסטו אַזוינס געפינען? איך וועל דיר נישט זאָגען, אַז ווײַל דו ביזט נישט קײן רײַכע און דו מוזט זײַן אַ לעהרערין און אַ שטוב־מײדעל אין אַ פרעמד הויז, ביזטו דאָס נישט ווערטה; הלוואי זאָלען מײַנע קינדער האָבען נישט קײן ערגערע הערצער, ווי דו האָסט, נאָר וואו, נאַרישע, ליעבע אַניוטאַ, ווערסטו הײַנט געפינען אַ „קאַוואַלער״, וואָס האָט זײַן אײגענעם גוט, חאָטש אַ ליאַדע קלײן גוטעלע, וואָס זאָל חאָטש ווערטה זײַן אַ ליאַדע פערציג טויזענד רובל, און ער זאָל זיך נישט הײסען געבען הונדערט טויזענד אין נדן?

**אַניוטאַ:** צי אין דעם געהט עס שוין טאַקי אינגאַנצען? גיסט דו נדן, טויגסט דו, און גיסט דו נישט, טויגסט דו נישט? און איך וויל האָפען, ווי לאַנג איך לעב און ווי לאַנג עס שלאָגט נאָך אין מיר אַנ׳אָדער פון מײַן פאַמיליע, אַז עס געפינען זיך נאָך אַדעליגע, פאַרצײַטיגע, אָט אַזעלכע, אַ שטײגער, ווי פון וועלכע איך שטאַם. און אַזעלכע

וועלען שוין נישט קוקען בלויז אויף געלד, נור אויף עפּעס אַנדערש אויך...

ווּיקטאריא: אוי, אוי, ביי גאָט איז אַלץ מעגליך! נור זעה נור, אַניוטאַטשקאַ, ווי געפעלט דיר בעסער מיין נייע קלייד...
[עפענט פּלינק אויף די שאַנק און ווייזט איהר] איך האָב דאָך שוין היינט געאַרבייט מיט דעם לאָקיי פון אַ שטיק אין דער פריה אָן ביז אַהער, אַז ער זאָל עס ווּיסען, ווי אַזוי אַריינצוהענגען אין דער שאַנק אַזאַ קלייד.

אניוטא: נו, און אין דעם קלייד זענט איהר געלטען געווען ביי פראַנצשיסקאַ'ן און חעלענען אויפ'ן באַל, אין דעם קלייד?

ווּיקטאריא: נו, וואָס זשע איז, שוועסטערל, עס איז דען עפּעס אָבּ־געקומען דערפון?

אניוטא: אָבער זיי זענען דאָך אַזעלכע פּראָסטע מענשען, און פון וועמען שטאַמען זיי? דאָס איז שוין צופיעל עהרע געווען פון אייער זייט.

ווּיקטאריא: אוי רעד נישט, קינד. ווען דו זאָלסט קענען חעלענטשען; ביי מיין עהרען וואָרט, וואָלסט דיך אַרומגעחאַפּט מיט איהר קושען, אַך, וואָס פאַר אַ פיינע, וואָס פאַר אַ ליעבע — אַניוטאָטשקאַ ליעבע, זי איז פונקט אַזעלכע ווי דו...

אניוטא: נו יאָ, נו... אַנדערש פּאַסט מיר טאַקי נישט...

ווּיקטאריא: לאָזט נור, אַניוטאָטשקאַ, דאַכט זיך, אַז עמיצער איז אין שטוב אַריין.

אניוטא: ווער איז עס?

פראנצשיסקא: (פון דער צווייטער שטוב) איך, צי מען קען אַריינגעהען?

ווּיקטאריא: ווער איז עס, פראַנצשיסקאַ? ערלויבט!

פראנצשיסקא: גוט מאָרגען, מיין גנעדיגע מאַדאַם! גוט מאָרגען, פרייליין אַניוטאַ!

וויקטאריא: וואָס מאַכט איהר, פראַנצשיסקאַ, וואָס מאַכען אייער פרוי און קינדערלעך?

פראנצשיסקא: גאָט צו דאַנקען. א דאַנק דער ליבער מאַדאַם. איך וועל מיין פרוי און קינדערלעך איבערגעבען א ליבען גרוס פון אייך, אַז איהר האָט זיך אויף זיי נאָכגעפרעגט.

וויקטאריא: דאַנק אַמבעסטען, דאַנק, ליבער פראַנצשיסקאַ. איהר ווייסט, אַז מיין מאַן האָט אייך שוין היינט געזוכט.

פראנצשיסקא: און יאָ? נו וואו זשע איז ער יעצט, דער גנעדיגער הער! איך קום דאָך ערשט אַריין.

וויקטאריא: ניין, ניין. נישקשה. ער האָט אייך אפילו נישט אַזוי פיעל געזוכט, ווי ער האָט עפּעס איבערגעשמועסט וועגען אייך.

פראנצשיסקא: אַזוי! עס פרעהט מיך שטאַרק, וואָס אייער גנעדיגער מאַן שמועסט וועגען מיר. חאָטש צום גוטען?

וויקטאריא: ער האָט זיך שטאַרק בעאונרוהיגט וועגען אייער לאַגע...

פראנצשיסקא: אַזוי, עס קאָן נישט זיין! וואָס איז עס?

וויקטאריא: ער האָט, דאַכט זיך, געזעהען זיך דרעהען עטליכע יודלעך פאַר אייער הויז. ציי זענט איהר נישט עפּעס פערשולדיגט — און זיי זאָלען אייך נישט מאַכען קיין אונאַנגענעהמליכ-קייטען?

פראנצשיסקא: איך בין שולדיג?

וויקטאריא: איך ווייס נישט, מיין מענעלע קלערט אַזוי.

פראנצשיסקא: גאָט בעהיט!

וויקטאריא: נו זעהסטו שוין. איך וואָלט עס נישט געוואָלט גלויבען, אַז נישט, ווען איך הער עס נישט פון אייער אייגען מויל. אַזאַ טבע האָט ער שוין, דער מענעלע מיינער, אַלע זיינע נאָהענטע מענשען, דאַכט זיך איהם נור, אַז עס געהט זיי נאָך אומגליקען, גאָט זאָל אָבהיטען; און וואָלט

זיי נור שטענדיג נעגעהרען פערהיטען.

**פראנצשיסקא**: נור ווייסט איהר וואס יא. עס איז נעכטען טאקי געווען ביי מיר עמיץ, אזא שטיינער, אבער דאס איז געווען דער שניידער פון מיין ווייבס קלייד, וועלכער איז געקומען צו געהען מיט זיינס א יונגעל געבען א קוק נאך דער טואלעטע צו זעהען, אויב דעם קלייד פעהלט נישט גאר נישט. עס קומט איהם עטליכע רובל אויך, אבער דאס איז דאך נארישקייטען. נישט אזעלכע געלדטער מיט אזעלכע בעלי-חובות איז זיך דא צו שרעקען פאר אונאננעהמליכקייטען. עה, פאניושא! און איהר גלויבט, אז איך זאל נעהמען בארגען ביי יודען געלד.

**וויקטאריא**: נו שוין נו, נו געהט זשע טענה'ט מיט איהם, מיט מיין מאן, וועט ער זיך ביי קיין פאל נישט לאזען איבער-שפארען.

**פראנצשיסקא**: און גלויבט מיר, דעם נעכטיגען באל, וואס איך האב מיר ערלויבט פאר מיינע ליעבע, טייערע געסט, עס זאל זיי ליעב און וואויל בעקומען, און מיר זאל עס אויך זיין צו פערגעניגען און ווירדיגע עהרע, וואס זיי האבען מיך בעזוכט. גלויבט זשע מיר, אז דאס געלד פון דעם באל איז אויך געווען פון מיין שוואגער דעם גלח, מיין פרוי'ס ברודער, צו וועלכען זי איז געפאהרען אין געסט. און ער האט זי נישט אוועקגעלאזט מיט ליידיגע הענד, און אפילו אויף דעם קלייד אויך איהר געגעבען.

**וויקטאריא**: מיין ליעבער פראנצשיסקא, לאמיר שוין ליעבערשט נישט שמועסען דערפון, עס וואלט שוין באלד געקענט אויסזעהען, אז מען איז אייך חלילה חושד אין עפעס און איהר דארפט זיך פערענטפערן. דארורך לאזט אב.

**פראנצשיסקא**: ווער מען חושד, און ווער זאל זיך דארפען פערענטפערען? מיך? אין וואס? איך פיהר נישט עהרליך, איך בע'גנב'ע דאס „פאלווארק" און מאך דערפאר בעלער —

ליעבע גנעדיגע ווירטהין ?

וויקטאריא: גאָט מײַן אײנציגער ! ווי גאָט איז אײַך ליעב. אין חאָס פאר א געשפרעך זענען מיר, ליעבער פראַנצשיסקאַ, פלוצלונג אריין ? אַזוי וואָהר, ווי איך בין אַן׳עהרליכע קריסטין, ווי איך בין אײַך גאָרנישט חושד.

פראנצשיסקא: עס שאַדט נישט, אַז יאָ !..

וויקטאריא: נײן. אָבער איך זאָג, אַז נישט, גאָטעניו ! טאַטעליו אין הימעל !

קאספער: (קומט פלוצלונג אַרײַן אין שטוב) וואָס איז עס דאָ ?

וויקטאריא: גאָר נישט, גאָר נישט, מענעלע.

קאספער: און וואָס זשע דען ביזט דו עפּעס אַזוי ?.. דו האָסט עפּעס געשריגען ?

פראנצשיסקא: אײַער עקסעלענץ. איך וועל אײַך זאָגען דעם גאַנצען אמת. מיר איז אונמעגליך צו בלײַבען גלײַכגילטיג, ווען דאָס בעלײַדיגטע געפיהל שטעלט זיך מיר שוין אַלײַן דערווידער און דער אמת שטיקט מיך שוין אין האַלז: אויף מיר איז פאַרהאַנען עפּעס אַ חשד בײַ אײַך וועגען מײַן עהרליכקײַט ?

קאספער: ווער זאָגט עס, פרײַנד ?

פראנצשיסקא: אַזוי שײַנט מיר זאָל דאָס האָבען געװען.

קאספער: איך ווײס נישט דערפון.

פראנצשיסקא: איבריגענס, איז עס לויט די רײד פון אײַער פרוי.

קאספער: די פרויען האָבען שטענדיג נײַן מאָס רײד.

וויקטאריא: ס׳איז ליגענד ! ס׳איז ליגענד ! איך האָב נור געוואָלט איבערגעבען, אַז איך מיט מײַן מאַן האָבען נור פריהער אײדער איהר זענט געקומען געשמועסט וועגען דערלעגען אויף אײַער געהאַלט, ווײַל איהר האָט נישט אויסצוקומען.

פראנצשיסקא: אָבער נישט דאָס האָט איהר מיר איבערגעגעבען.

קאספער: און נישט דאָס, וואָס איהר זאָגט, האָב איך געמיינט; סיידען עס איז טאַקי אמת, אַז אויף אַ גנב ברענט דאָס היטעל...

פראנצשיסקא: אייער עקסעלענץ! — —

קאספער: וואָס אי?

וויקטאריא: מענעלע, מענעלע! — —

קאספער: שטיל, שטיל זאָל זיין! — —

פראנצשיסקא: אייער עקסעלענץ. אין אייער לעצטער פראגע פיהל איך אייער שטאַנד-פּונקט. עס איז ערפילט! איהר פער-לאַנגט אַלזאָ מיין דימיסיע? —

קאספער: איהר זענט פריי.

פראנצשיסקא: דאַנק, מיינע הערשאַפטען [געהט גלייך אַרויס, צוהאַקענדיג די טיר הינטער זיך].

וויקטאריא: [פאַלט אויף דעם מאַן] מענעלע! פאַרוואָס האָסטו אָבגע-זאָגט אַ פאָטער פון קליינע קינדער!

קאספער: שטיל, שטיל זאָל זיין! געה זעה, ווי ער האָט מיך בדלות געשטעלט, ווי ער האָט מיר די שפּײַכלער פון תבואות אויסגעליידיגט; שטיל, שטיל, זאָג איך! זאָל זיין! [וויקטאָריאַ בלייבט אונמעכטיג אין זיין אָרעם] וואַסער!

---

# צווייטע סצענע.

---

אַ הויז קוקט אַרויס פון צווישען אַ רייהע בוימער, פאַר דעם הויז אַ וועג, הינטער'ן הויז — אַ פעלד, אויף וועלכען לינקס איז פאַרהאַן נאָך בוימער געדיכט אָנגעשטעלט. רעכטס

פון הויז ליגען פעקלעך בעטגעוואנט , אין וועלכען עס זיצען איינגעדעקט קליינע קינדערלעך און העלענע שטעהט איבער זיי מיט א געזונקענעם קאפ און פערבראכענע אראבגעלאזטע הענד פאר זיך . פון וועג לינקס קומען אן צוויי פויערים .

1-טער פויער : דו ווייסט , עס שמעקט שוין היינט מיט גאר שפעטען אסיען .

2-טער פויער : א , הא . עס בלאזט שוין היינט א קאלטער ווינד . און דאס פערד , וואס פאשעט זיך נאך היינט אויף די גראזען , קוקט שוין טרויריגליך אין דער לופט אריין מיט אנ׳אויפ-געהויבענעם קאפ , עס שמעקט עס שוין דיווארמע שטאל.

1-טער פויער : די פעלדער זענען שוין אבגעלעערט און די לופט איז פייכט און נעבעלדיג . [ביידע פויערים בלייבען שטעהען , דערזע-הענדיג חעלענע׳ן מיט די איינגעהילטע קינדערלעך אין בעטגעוואנט]

הא , וואס זשע איז דאס ?

2-טער פויער : מוז זיין טאקי , אז עס איז אמת . דער שרייבער , זאגט מען , האט זיך נישט ארענטליך אויפגעפיהרט אין היים . און ער איז שוין געהאט ארויסגעפאהרען אויף אנ׳אנדערע שטעלע , וואוהין דער פריץ אליין האט איהם געשיקט , נור דארט האט ער די שטעלע נישט געקריגען , אדער זי איז באלד נישט געוועזען — און אזוי ערנאך איז ער געקו-מען צוריק מיט זיין ווייב און זיינע קינדער .

1-טער פויער : דאס איז אנ׳אומגליק . [ביידע פויערים דערווייטערן זיך] .

[פראנצשיסקא און וויקטאריא קומען אן פון צווישען די בוימער לינקס איבער׳ן פעלד] .

פראנצשיסקא : [פון דערווייטענס .] נו , חעלענא , עס איז נישטא דער שליסעל .

חעלענא : אוי די קעלט , עס איז א ביטערע קעלט !

וויקטאריא : וואס מאכסט דו , חעלענטשו ? [פאלט ארויף אויף איהר קושען זיך] אוי , דו האסט נעבעך געהאט א שלעכטען וועג — —

אין אַזוי זיצען די אָרמע שוואַלבען [רוקט איין קינד בעסער אַרום] אום גאָטעס ווילען, וואו האָט מיין מאַן געקאָנט אַהינטהון דעם שליסעל!

פראַנצשיסקא: איך האָב מיך שוין אויסגעפרעגט ביי אַלע בעדינער אין הויף, און קיינער ווייסט ניט, ניט אַנדערש, נור ער האָט איהם אַליין גענומען צו זיך

וויקטאריא: פון וואַנען פאַלט איין דאָס איין?

פראַנצשיסקא: מאַ... איך וואָלט ניט מעהר גענערען, נאָר די קינדער אַבי אַריינלאָזען אין שטוב.

העלענא: אוי, וואָס פאַר אַ ביטערע קעלט, אַ ביטערע קעלט. (פויזע). [קאַספער קומט אָן צו פאָהרען אויף אַ פערד רייטענדיג].

קאַספער: ווער ליגט עס דאָ? [שפּרינגט אַראָב פון פערד, בינדט עס צו מיט דעם צימעל צו אַ בוים.]

וויקטאריא: [צולויפענדיג צו איהם] אוי מענעלע, פראַנצשיסקא ליגט דאָך דאָ מיט זיין ווייב און קינדער.

קאַספער: נו איך האָב דאָך באַלד געוואוסט, אַז עס וועט אַזוי זיין... נור וואָס זשע טהוסט דו דאָ!

וויקטאריא: זעה נור, מיין ליעבער מאַן. מען האָט זיי דאָך גאָר ניט אַריינגעלאָזט דאָרט אַהין, וואוהין דו האָסט זיי געגעבען די רעקאָמענדאַציע.

קאַספער: אָבער וואָס טהוסט דו דאָ!

וויקטאריא: סטייטש „מענעלע!"

קאַספער: אָבער וואָס זשע טהוסט דו דאָ?

פראַנצשיסקא: [שטאַרק געענדערט] וואָס זאָגט איהר, פריץ; אַז איהר האָט באַלד געוואוסט, אַז איך וועל קומען צוריק?

קאַספער: אפשר האָב איך געוואוסט.

פראַנצשיסקא: נו, פאַר וואָס זשע האָט איהר מיך געשיקט?

קאַספער : אָבער מיט דעם בעדינג, אַז דו זאָלסט מיר שוין מעהר נישט קומען צוריק. איך האָב דיך דאָ נישט געוואָלט האָבען. איך וויל דיך דאָ נישט האָבען.

וויקטאריא : נו פאַר וואָס זשע האָסט דו איהם געלאָזט פאָהרען גלאַט אין דער וועלט אַריין!

קאַספער : שווייג דו, שטיל, וויקטאָריאַ, שווייג!

פראַנצשיסקא : אַך, גאָט אין הימעל, נו וואָס זשע וועל איך אַציינד אָנהייבען צו טהון?

קאַספער : זיין אויף, וויקטאָריאַ, מיט מיר אַהיים.

וויקטאריא : דעם שליסעל, דעם שליסעל גיב צוריק.

קאַספער : דעם שליסעל בעקומסט ער נישט צוריק.

פראנצשיסקא : אוי גאָט! צי קען איך ליגען מיט ווייב און קינד אויפ'ן רעגען?

קאַספער : איך קען קיינעם גאָרנישט העלפען. וויקטאָריאַ, צי דו זיצט אויף אַהיים? — וועלכע פילאַנטראָפישע צוועקען האָבען דיך דאָ אַהער געבראַכט. אַהיים, זאָג איך דיר, אַהיים!

וויקטאריא : מענעלע, דו מאַכסט דיר שפּאַס, „מענעלע". איך קען עס שוין נישט אויסהאַלטען, גיב דעם שליסעל די נשמות צו דערוואַרמען, זיי זענען שוין געפרוירען, „מענעלע!"

קאַספער : צי דו מאַכסט דיר נישט קיין שפּאַס, וויקטאָריאַ. קריך אַרויף אויפ'ן פערד.

וויקטאריא : גאָטוניו!

קאַספער : קריך אַרויף אויפ'ן פערד, דו קענסט מיר נישט פערענטוואָרטליך זיין, אויב איך וועל איהם געבען דעם שליסעל, אַז ער זאָל מיר אפילו די ברעטער פון הויז נישט פערקויפען. אַרויסגנבע'נען אַיינציגווייז אַ באַל נאָך אַ באַל פון די וועגר און זיי פערקויפען.

**חעלענע** : קום אַהער, פראַנצשיִסקאַ, זאָל איהם אַ דונער דערשלאָגען. זאָל איהם גאָט משפט'ן! [הייבט אָן צו וויינען]

**קאַספּער** : [שפּרינגט צו צום בוים אָבבינדען דאָס פערד] נו בלייב זשע שוין דאָ, וויקטאָריאַ, דאָ וואו דו האָסט שוין אויסגעהערט אַלע מיינע בעליידיגונגען.

צוויי שלאַכטעס, ברידער, אַנטאָני און יוזעף אַניעליטש, קומען אַרויס פון צווישען די בוימער, אָנגעטהון אין יעגער-שטיוועל מיט קורצע קורטקעס און לעדערנע בײַטלען ביי די זײַטען מיט ביקסען אויף די פּלייצעס. קאַספּער זיצט אויף אויפ'ן פערד.

**אַנטאָני** : וואָס איז עס דאָ געשעהען?

**פראַנציִשסקאַ** : דאָ איז גאָר נישט געשעהען. עס איז נישט כדאי, פריצים, אַז איהר זאָלט זיך גאָר אַריינמישען צו דעם אונמענש...

**אַנטאָני און יוזעף** : [צו קאַספּערן] מיר בעטען איבער אײַער עקסעלענץ— וואָס איז עס דאָ געשעהען, וואָס די פרוי וויינט?

**קאַספּער** : צי איהר האָט דאָ ריכטער צו זיין?

**אַנטאָני** : פריץ, דו קענסט אונז נישט. מיר זענען די זיהן פון דיין „אַניעליטש" — מיר וואָלטען זיך זעהר נישט געגערען געמישט אין פרעמדע אָנגעלעגענהייטען. נאָר דאָס קול פון דער פרוי, דאָס געוויין איהרס לאָזט אונז נישט געהען.

**קאַספּער** : און מהאָנט אײַך איהר זאָלט דאָ ריכטער זיין?

**אַנטאָני** : אויב איהר האָט אַן עולה געטהון.

**קאַספּער** : צי דאָ הייבט זיך אָן די פערצייטישע ראָמאַנטישע שפּילען וועגען אַ פרוים אַ געוויין און וועגען אַ פרוים קול? וואָן פון מיר!

**יוזעף** : [גיט אַ חאַפּ דאָס פערד פאַר דעם צײַמעל] שטעה! דו געהסט נישט ווייטער.

**אנטאני** : האַלט איהם — ער האָט אונז בעלייַדיגט.

**קאספער** : וואָס זשע ווילט איהר ? [עס ווערט אַ געשריי, אַ געוואַלד, אַ געטומעל צווישען די קינדערלעך אין בעטגעוואַנט, וויקטאָריאַ פאַלט צו צו די צוויי שלאַכטעס.]

**וויקטאריא** : הערדן, „שלאַכטעס", וואָס ווילט איהר פון מיין מאַן האָבען ?

**אנטאני** : זאָל ער אַראָבגעהען פון פערד, דער „ראַזבאָיניק". ער האָט אַרויסגעוואָרפען מענשען פון אַ דירה אין דרויסען אויף דער קעלט.

**קאספער** : איהר האָט שוין מיך אויך בעלייַדיגט, איך קען אײַך שוין דאָס נישט שווייַגען.

**אנטאני און יוזעף** : נו קום אַראָב אויף אַ דועל, קום אַראָב !

**וויקטאריא** : הערדן „שלאַכטעס"...

**קאספער** : גאָט מייַנער ! וואָס טהוט זיך דאָ אָב ! אַנ'אמת'ע פערציטישע מעשה מיט העלדישקייט און „ריצאַרישקייט", נאַ אייַך אַוועק דעם שליסעל פון דער שטוב, און לאָזט זיי אַרייַנגעהען, די אָרמע מענשען... [חאַפּט אַרויס דעם שליסעל און דערלאַנגט איהם אַנטאָניען].

**אנטאני** : [טרעט אָב צו וויקטאָריאַן] נעהמט איהר, פריצה. [וויקטאָריאַ נעהמט צו דעם שליסעל. יוזעף לאָזט אָב דאָס פערד ביי דעם צײַמעל. קאספער גיט אין דער געשווינד אַ פאָהר אַוועק. וויקטאָריאַ לויפט צו חעלענאַ מיט פראַנציסקאַ מיט דעם שליסעל אין דער האַנד. און אַלע דרייַ הויבען אָן אַרייַנצוטראָגען די קינדער מיט דעם בעטגעוואַנד אין שטוב. פון צווישען די בוימער אַרויס הערט זיך צוריק דאָס אָבשטעלען זיך פון קאַספערס פערד.

**קאספערס קול** : וואָס, איהר ווילט געהן אויף אַ דועל ! [אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער, נאָך איידער אַנטאָני און יוזעף האָבען זיך צייַט אומצוקוקען און באַלד אַ שטאַרק אַנטלויפען אויפ'ן פערד.]

**אנטאני און יוזעף** : שרעקענדיגער האָז. האָז, האָז ! שטעה, אַנטלויף נישט ! — — —

[עס קומען צו צולויפען חעלענע, פראנציִשטקא און וויקטאריא]

**אלע דריי:** (בלייבענדיג שטעהען פערגליווערט) וואס איז עס דא געשעהען! — —

**אנטאני און יוזעף:** גאר נישט. זאלען זיינע ביינער צושאסען ווערען.

**וויקטאריא:** ווער האט אויסגעשאסען? ער? — —

[אנטאני און יוזעף דערוויטערן זיך צווישען די בוימער. חעלענע און וויקטאריא און פראנציִשסקא געהען צוריק צום הויז רעכטס, וואו זיי האבען שוין אלץ אריינגעטראגען און שטוב נאך פריִ-הער און ווערען באלד אינגאנצען פערשוואונדען הינטערן הויז].

(פ א ר ה א נ ג)

## ענדע ערשטער אקט.

# צווייטער אקט.

# צווייטער אקט.

אנ׳עם-שטוב, וואו עס איז אויך די קיך. אין דער וואנד רעכטס א פענסטער, אין דער אויבען-אנדיגער וואנד די טיר אין דרויסען ארויס. אין רעכטען ווינקעל, וואס איז ביי דער זייט פון פענסטער — א ווייסע הילצערנע קרעדענס-שאנק אויף געפעס, אין דער לינקער זייט א קאפלע-אויוועז און די קיך אין סאמע ווינקעל. אראב א ביכעל אין דער זעלבער לינקער וואנד באלד ביי דעם קאפלע-אויוועז נאך א טיר אין א וויטערע שטוב אריין. א שאנק אויף קליידער און א טישעל. אין אייוועלע הייצט זיך, מאנקא זיצט און וואשט דאס געפעס, אין שטוב איז שטיל חעלענע שטעהט ביים פענסטער און קוקט. ארויס אויפ׳ן פעלד זעהר בעזארגט.

**פראנצשיסקא**: [קומט אריין צו געהן פון דרויסען, בלייבט א ווילע שטעהן אין מיטען שטוב, צו חעלענען] וואס שטעהסטו נאך אלץ אזוי?..

**חעלענא**: [קוקט זיך אום, לאזט צוריק אראב דעם קאפ און קוקט ווייטער ארויס דורך דעם פענסטער].

**פראנצשיסקא**: [טהוט אויס דעם פעלץ פון זיך מיט׳ן קאפעליש, הענגט זיי אריין אין דער שאנק.

**מאנקא**: [שטעהט אויף, געהט צו צום פאטער] וואו ביזטו געוועזן, טאטוליו?

**פראנצישיסקא**: [גיט איהר א גלעט איבערן קאפּ] אין ערגעץ נישט, קינד מיינס [געהט צו צו חעלענען] וואס שטעהסטו אלץ אזוי?

**חעלענע**: איך ווייס נישט, ווי אזוי איך שטעה...

**פראנצישיסקא**: כ'מיין די קינדערלעך האבען שוין עפּעס געגעסען?

**חעלענע**: יא.

**פראנצישיסקא**: וואו זענען זיי?

**חעלענע**: [מיט א האנד-בעוועגונג, ווייזט איהם אויף דער טיר פון צווייטען צימער. א ווייל איז שטיל. מאנקא נעהמט זיך צוריק צום וואשען].

**פראנצישיסקא**: דו ווייסט וואו איך בין געווען?

**חעלענע**: איך ווייס?

**פראנצישיסקא**: איך האב מיך געזעהען מיט מיינס אַנ׳אַלטען בעקאנ־טען, דעם „אגראַרניק" פון משעחאָמינער הויף. (פּויזע) חעלענטשע! דו געדענקסט, ווען איך האב דאָרט געהאט א שטעלע, דאס ערשטע יאהר נאך אונזער חתונה?

**חעלענע**: נו וואס איז? איך געדענק.

**פראנצישיסקא**: גאר נישט, עס איז שוין היינט דאָרט אויך גאָרנישט דער איינגענער „הויף"..., אלע אלטע מענשען פון דאָרט זענען געגאנגען „וואן", א טייל זענען שוין גאָר אויסגע־שטאָרבען — און היינט איז דאָרט דאָ א יונגער פּריץ. דער „וויחאָוואניץ" זייערער, וואס האט די גאנצע צייט פאר יענעם פּריץ'ס לעבען פערברענגט אין פּאריז. ס'איז שוין היינט קיינער נישט איבערגעבליבען אין הויף. אלע זענען זיך צופאהרען, צוגאנגען, נור האט די איינע אלטע פּריצה, זיצט שוין אין איהר בעזונדער צימערל און דער יונגער פּריץ שאפט. ס'איז נישט גוט אויף דער וועלט.

**חעלענע**: און דער אלטער „אגראַרניק" איז נאך דאָרט געבליבען?

**פראנצישיסקא**: יא, אבער ער בעקלאגט זיך, וואס ער האט אזעלכע צייטען דערלעבט. ער האט מיך אריינגערופען אין א שענק

אַרײַן און זיך פאַר מיר אויסגעוויינט מיט זײַן גאַנץ ביטער האַרץ.

**חעלענע** : און וועגען קיין שטעלע ווייסט ער נישט עפּעס?

**פראַנצשיסקא** : מ... וואָס קען ער מיר העלפען? ער האָט צוגעזאָגט...

**חעלענע** : וואָס צוגעזאָגט?

**פראַנצשיסקא** : איך ווייס אַליין נישט... איבערשמועסען מיט דער אַלטער פריצה.

**חעלענע** : (ווענדט אָב דעם קאָפּ אָן אַ זייט) אַך, גאָט!

**פראַנצשיסקא** : נו זאָרג נישט, טייער חעלענטשעלע. דו זעהסט, דער־ווײַל זענען די קינדערלעך זאַט. דער „אָגראָדניק" האָט מיר אויך צוגעזאָגט צו צוברענגען צו דער שטוב אַ זאַק קאַרטאָפלעס. דאָס האָט איהם די אַלטע פריצה הײַנט געשיקט אין שטאָדט אַרײַן מיט אַ פוהר קאַרטאָפלעס צו פערקויפען, און פאַר דעם געלד צו בעזאָרגען איהר דאָרט עפּעס קליינינקייטען פון שטאָדט אהיים צו קויפען, וואָס זי בעדאַרפט. גיט ער שוין מיר אויך אַראָב אַ זאַק קאַר־טאָפלעס פון דאַנען. זאָרג נישט, מײַן ליעב ווײַבעלע.

**חעלענע** : (ווישט אויס אַ טרעהר פון אויג) א'נישט איך זאָרג?..

**פראַנצשיסקא** : יאָ, יאָ, אַודאי נישט. נישקשה, גאָט וועט נאָך העלפען. (נעהמט אַרויס אַ רובל און גיט איהר אין דער האַנד אַרײַן).

**העלענע** : פון וואַנען האָסטו דאָס?

**פראַנצשיסקא** : נאַ, נעהם, כ'האָב... און דיר, „מאַנישקע", קום דו אַהער. נאַ. איך האָב פאַר דיר מיט די קינדערלעך אַ בײַטעל מיט ציקערלעך; דאָס האָט מיר פאַר דײַנעטוועגען מיטגעגעבען איינער: נאַ — האָט ער מיר געזאָגט — פאַר מאַנקעס וועגען.

**מאנקא** : (נעהט צו, נעהמט צו די ציקערלעך, וואָס דער פאָטער דערלאַנגט איהר אין אַ בײַטעל).

חעלענע : ווער האָט דאָס פּאַר איהר מיטגעגעבען.

פראנצשיסקא : עה, איינער...

חעלענע : געה, מאַניושקאַ, אריין צו די קינדערלעך. זעה, אויב אַ שלאָפען נישט (מאַנקא געהט אַוועק אין צווייטען צימער).

פראנצשיסקא : דער „קאַוואַלער" וואָס איז ביי דעם פעלדשער איז דאָ נישט געוועזען? ער האָט מיר צוגעזאָגט צו קומען מיך אָבראַזירען. איך האָב איהם פריהער געטראָפען אין גאַס.

חעלענע : און ביי וועמען האָסט דו גענומען דעם רובל?

פראנצשיסקא : חעלענטשע, וואָס ווילסט דו. האָב נישט קיין מורא איך האָב דעם רובל ביי איהם נישט גענומען. (חעלענע בערוהיגט זיך, געהט אויך צום איינוועלע, קוקט אריין, ווי עס הייצט זיך).

פראנצשיסקא : די צוקערלעך, זעהסט דו, יאָ... ער איז גאָר אַ וואויל יונגעל, זאָג איך דיר.

חעלענע : דאָס פעלדשער־יונגעל?

פנחס : (קומט אריין).

פראנצשיסקא : אָט, זעהסט דו, געהט ער! קום אהער.

פנחס : גוט מאָרגען, פערשאַפט.

פראנצשיסקא : גוט מאָרגען, גוט יאָהר.

מאנקא : (קומט צוריק אריין פון צווייטען צימער)

פנחס : (דערזעהענדיג זי) גוט מאָרגען, „פאַניושאַ".

מאנקא : גוט מאָרגען, גוט יאָהר. מאַמעשי, די קינדערלעך שלאָפען נאָך.

חעלענא : נו, גוט, זאָלען זיי שלאָפען. [מאַנקע שטעלט אַוועק דעם בייטעל מיט צוקערלעך אויף דער קיך, די מוטער שטעלט דאָס אָבגעוואַשענע געפעס אין קרעדענס אַריין].

פראנצשיסקא : נו, מאַניושקאַ, שטעה נישט, שטעל מיר צו אַ ביסעל וואַסער אָנצוואַרימען. דו זעהסט, דער „קאַוואַלער" איז גע־

קומען. ער ווי̇ל מי̇ך אָבראַזי̇רען. [מאַנקע שטעלט צו אַ טעפּעלע וואַסער צום וואַרמען אין היי̇ץ-אויוועלע].

מאַנקע : פּאַרוואָס, טאַטעשי̇, זענען די̇ צוקערלעך בלויז זי̇ס?

פראַנצשיסקא : דו האָסט זיי̇ שוין פערזוכט? דאָס האָט ער זיי̇ די̇ר, דער בחור, געקויפט [דאָס יונגעל רויטעלט זי̇ך].

(פּ ו י ז ע)

פנחס : נו, זאָל דער פּרי̇ץ אַזוי גוט זיי̇ן; איך ווי̇ל דעם פּרי̇ץ ראַזי̇רען.

פראַנצשיסקא : וואַרט, קאַוואַלער, וואַרט. זי̇ץ דערווי̇יל. מאַניושקאַ, דאָס וואַסער וועט באַלד זיי̇ן?

מאַנקע : יאָ. [דאָס יונגעל געהט אַוועק צום טי̇שעל, זעצט זי̇ך אַוועק אויף אַ שטוהל, וואָס שטעהט מי̇ט'ן רוקען אָנגעשפּאַרט צו די̇ טי̇רלי̇ך פון דער שאַנק].

פראַנצשיסקא : דו ווייסט, „קאַוואַלער", אַז עס איז היי̇נט גאָרני̇שט גוט אויף דער וועלט? [נעהמט אַ שטוהל און רוקט זי̇ך צו צו איהם] עס איז נור אַ פאַל, זי̇ך אַליי̇ן איך ווייס נישט וואָס צו טהון...

פנחס : עה, נעה שוין פּרי̇ץ, וואָס רעדט דער פּרי̇ץ. אויב מען פערלי̇רט די̇ שטעלע, איז שוין אוים וועלט?..

פראַנצשיסקא : יאָ, יאָ. ס'איז היי̇נט גאָר שלעכט.

חעלענע : פּראַנצשי̇סקאַ! טאָמער קען שוין זיי̇ן אַנ'עק צו די̇ אַלע טענות?

פראַנצשיסקא : חעלענטשעשי̇, חעלענטשע, לאָז מי̇ך. גלויב מי̇ר, אַז דאָס יונגעל איז ני̇שט אַזעלכער, ווי̇ דו מיי̇נסט.

פנחס : ניי̇ן, צו וואָס? עס איז ני̇שט נעטוויטי̇ג, אַז די̇ פרוי הייסט ני̇שט...

פראַנצשיסקא : עה „חלאָפּאַק", זאָל די̇ך ני̇שט אַרגען! און די̇ך, חעלענע, אויך גי̇שט; וואו האָסטו פון אַלע מיי̇נע גוטע

פרײַנד, וואָס זענען געוועזען? גיב אַהער, חאָטש אײַנעם! האַ? יענע זענען מיך נור געוועהנט געווען צו זעהען אין גליק און אין פרייד; און הײַנט, אַז דאָס איז שוין נישטאָ, האָבען זײַ מורא, זײַערס זאָל זיך נישט אָנשטעקען מיט דעם געמיטה פון מײַנעם, און זײַ מײַדען מיך אויס. העָ, יונגעל, איך האָב נישט קײנעם פאַר קײן פרײַנד אויסער דיך.

חעלענע : צי דו מענש האָסט דיך הײַנט אָנגעטרונקען?

פראַנציסקא : יאָ, מיט צרות. [נעהמט אַרויס אַ פלעשעלע בראָנפען פון קעשענע, צום יונגעל] אַצינד וועלען מיר ערשט טרינקען. חעלענע, גיב אַהער אַ צוויי גלעזלעך.

חעלענע : האַ, מענעלע ליעבער, וואָס טויג דיר שוין בראָנפען; גלײַך דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט...

פראַנציסקא : האָב נישט קײן מורא, חעלענע, נישט פאַר מײַן געלד. דער „אָגראָדניק", איך האָב דאָך דיר דערצעהלט; מיר זענען געוועזען אין שענק — האָט ער מיר אַרײַנגעשטופּט אין קעשענע אַ פלעשעלע! זאָל זײַן אַזוי, וואָס אַרט דאָס דיך? גיב אַהער, מיר וועלען דאָס אויסטרינקען.

חעלענע : [מיט פערבראָכענע הענד] נו, זעהסט שוין, צו מײַנע צרות...

פראַנציסקא : גיב אַהער, גיב. [נעהמט אַליין זיך נעהמען אַ גלעזעל פון דעם קרעדענס] :

פנחס : [אויפשטעהענדיג פון אָרט] פריץ צו וואָס טויג דעם פריץ אַ גלעזעלע? איך וועל סײַ ווי סײַ נישט טרינקען.

פראַנציסקא : ס'שאַדט נישט. אַ ביסעלע. קום דו אויך, מײַן ליעבע חעלענטשע! [נעהמט זי און פיהרט זי צו צום טיש, וואו ער שטעלט אַוועק צוויי גלעזעלעך און גיסט זיי אָן] נו, טרינקט, צו געזונד, זאָל אײַך וואויל בעקומען. נעהם דו, יונגעל, און דו חעלענטשע אויך.

פנחס : איך קען אָבער נישט טרינקען.

פראנצשיסקא: טרינק!

חעלענע: וואָס נויטסטו אַ מענש צום טרינקען?

פראנצשיסקא: עס שאַדט נישט, ער איז אַ וואויל יונגעל, נו טרינק שוין.

חעלענע: ניין, איך קען נישט [ציהט זיך צוריק פון טיש].

פראנצשיסקא: [נעהמט איין גלעזעל, שטופּט אריין דעם יונגעל דאס צווייטע] נו!... צו געזונד!... [ביידע טרינקען אויס] חעלענטשע, האָסט אפשר אַ שטיקעל צוקער צו פערבייסען?

חעלענע: ניין, עס איז גאָרנישט דאָ.

מאנקע: טאַטעשי, אפשר די צוקערלעך?

פראנצשיסקא: די צוקערלעך? גיב אַהער, גוט. [חעלענע דערלאַנגט איהם מיט'ן בייטעלע, פון וועלכען ער נעהמט אַרויס איין ציקערל].

חעלענע: [צום יונגעל] נעהמט איהר אויך, עס איז דאָך אייערע איינגאַנצען.

פנחס: דאַנק! [נעהמט אויך אַרויס אַ ציקערל און פערבייסט].

פראנצשיסקא: נו, מאַניושקאַ, אפשר ווילסטו טרינקען אַ ביסעלע?

חעלענע: מענעלע, לאָז שוין געמאַך. נאָך דאס פעהלט דיר נאָך. קום אַהער, מאַניושקאַ.

מאנקא: ניין, ניין. איך וויל נישט טרינקען. איך גיב זיי נור די ציקערלעך [שטעלט זיי אַוועק איינגאַנצען אויפ'ן טיש].

פראנצשיסקא: האָב נישט קיין מורא, נשמה'לע מיינס, הערצעלע. איך וועל דיר נאָך געבען אַ שענעם חתן אויך מיט אַ צעהן טויזענד רובל נדן. דיין טאַטעשי איז נאָך אויך נישט געשטאָרבען [גלעט מאַנקען איבער'ן קאָפּ], ער לעבט, ער לעבט! [צום יונגעל] נו, וועל'מיר אויסטרינקען נאָך אַמאָל אַציינד פאַר מאַנטשעלעס געזונד.

פנחס: פאַר מאַנטשעלעס געזונד וויל איך זעהר טרינקען, נור איך וועל זיין שכור, און איך קען נאָך דעם פריץ צוקאַליעטשען ביים ראַזירען.

**חעלענע** : וואָס ווילסטו שוין טאַקי פון דעם יונגעל האָבען?

**פראַנצשיסקאַ** : נישט דיין דאגה [גיסט אָן, צום יונגעל], טרינק! [דאָס יונגעל טרינקט אָב אַ ביסעל, פראַנצשיסקאַ טרינקט אויס אין גאַנצען] אָט אַזוי. און דו האָב נישט קיין מורא, חעלענטשע, מיין ווייבעלע. [חעלענע געהט אַוועק מיט אַ פערשטיקטען זיפץ אָן אַ זייט. מאַנקע געהט דעסגלייכען אַוועק].

**פראַנצשיסקאַ** : [הויבט אָן צו זינגען]:

פיער ליכט האָבען שוין פערברענט
און דאָס פינפטע ברענט שוין —
איך בין היינט נישט מעהר שוין דער, וואָס נעכטען,
דערזועלביגער פאַרשוין.

פיער ליכט האָבען שוין פערברענט
און דאָס פינפטע ברענט אויך —
איך בין היינט נישט מעהר שוין דער, וואָס נעכטען.
שוין נישט דערזועלבער כח.

פיער ליכט האָבען שוין פערברענט
און באַלד ט'דאָס פינפטע אויך אויסגעהען —
איך דערקען מיך נישט פון היינט ביז נעכטען,
שוין נישט דערזועלבער, וואָס געווען.
[שטעהט אויף פון אָרט, דאָס יונגעל נאָך איהם]

**פנחס** : קומט, וועל איך אייך אָבראַזירען. [ביידע געהען אַוועק אין צווייטען צימער].

**חעלענע** : מאַנקאַ, גיב אַריין דעם טאַטען דאָס טעפעלע וואַסער [מאַנקע נעהמט דאָס טעפעלע פון אויווען אַרויס און געהט נאָך זיי].

**חעלענע** : [פערזוקט דאָס טירעל פון אויווען, דרעהט זיך אַרום איבער דער שטוב]:

שוין צופאָהרען אַלע געסט.
די חופה-נאַכט איז שוין אויס —
שפאַן די פערד און פאָהר אַוועק

פון טאַטע־מאַמעס שטוב אַרויס.

דו פאָהרסט אַוועק אַ וועג אַ ווײַטען;
פאָהר, דו זאָלסט בעגליקען.
פערגעס נישט טאָכטער, טאָכטער מײַנע,
אַ גערוס אַהײַם צו שיקען.

טײַלען זיך מיט אײַביג גליק,
טײַלען זיך מיט גליק און פרייד.
טהו שוין אויס, טאָכטער מײַנע,
דײַן כלה־שלײַער, דײַן חופה־קלייד.

(פּויזע)

חנה : [אַ קרעמערין מיט אַ דערעלע אַרומגעבונדען דעם קאָפּ, אין אַ גראָבער שובע, מיט אַ קליין פּעקעלע, פערפּאַקט אין פּאַפּיר, אַ קרעמעריש פּאַקוניקעל, קומט אַרײַנצוגעהן, דאָס פּנים אַ ביסעל רויט, אָבגעשמיסען פון ווינד] גוט מאָרגען, פּאַניושאַ!

חעלענע : [אַ ביסעל פאַרשעמדיג] גוט מאָרגען, גוט יאָהר!

חנה : אוי, פּאַניושאַ, גיב מיר אַ שטוהל, ווארום איך האָב קײַן כח שוין נישט צו דערגעהען.

חעלענע : ביטע! [ווײַזט איהר אָן אויף אַ שטוהל, חנה זעצט זיך].

חנה : אַ דאַנק דיר, פּריצה [סאָפּעט אָב. פּויזע. ציהט צוריק אויף דעם אָטעם] נו, וואָלסטו דיר געוואָלט גלויבען, פּאַניושאַ, אַז איך זאָל אַמאָל פערבלאָנדזשעט ווערען צו דיר אין שטוב אַרײַן?

חעלענע : פאַרוואָס נישט?

חנה : איך געה דאָ פון עטליכע פּריצים, מײַנע קונדען, האָב איך שוין אין אײַנוועגס אָבגעטרעטען צו דיר. דער וועג איז אַזוי יוועך, עס לעגט זיך אַ נאַסער שניי, אַז עס איז אונמעגליך צו דערגעהען [חעלענע נעהמט זיך די שטוב אויסצוקעהרען].

חנה : און וואו איז עפּעס דײַן מאַן, פּריצה?

חעלענא : ער איז דא.

חנה : צי איז דאס אמת, פאניושא, ער איז שוין טאקי נישט בײַ דעם פריץ איוף דער שטעלע?

חעלענע : שוין. ער איז שוין מעהר נישט דארט.

חנה : וואס איך הער?

חעלענע : יא, יא.

חנה : נו, טא וואס זשע וועט זײַן?

חעלענע : וואס זאל זײַן? גארנישט...

(פויזע)

חנה : דו ווײַסט, פאניושא, איך האב דיר געוואלט עפעס זאגען, נור אזוי ווי דו האסט מיר נישט קײַן גוטע נײַעס דערצעהלט, האב איך שוין מורא.

חעלענע : יא, יא, איך ווײס... ווארט א ביסעלע, מײַן מאן וועט באלד ארײַנקומען.

מאנקע : [קומט ארײַן פון דער צווייטער שטוב מיט דעם לעדיגען טעפעלע שוין אין דער האנד — בלײַבט שטעהן א ביסעלע פערגאפט, געהט פונדעסטוועגען ווײַטער ביז צו דער קיך צו און שטעלט עס אוועק].

חעלענע : מאנקע, דער טאטע קומט שוין באלד ארײַן?

מאנקע : יא.

חעלענע : געה, זאג דעם טאטעשי, אז די סוחר׳טע וואַרט אויף איהם.

מאנקע : [געהט אוועק, קומט שוין צוריק] ער קומט באלד.

חעלענע : [שטעלט אוועק די קער-בארשט אין ווינקעל בײַ דער קיך].

חנה : וועסט מיר גלויבען, פאניושא, אז איך קען נישט קוקען, ווי דו אלײַן קעהרסט די שטוב.

חעלענע : נו, מילא, וואס זאל מען טהון? [פראנצישקא קומט ארײַן

זיך נאָך ווישענדיג מיט דעם האַנדטוך איבער'ן געזיכט נאָך דעם אָבראַזירען, דאָס יונגעל, וואָס געהט צו אויסוואַשען דאָס טעצעלע מיט'ן פענזעליקעל צום פּאָמיעס-שאַף, קומט נאָך איהם].

פראַנצשיסקא: [דערזעהענדיג די סוחר'טע]. אַ, גוט מאָרגען!

חנה: [שטעלט זיך אויף פאַר איהם]. גוט מאָרגען, גוט יאָהר!

פראַנצשיסקא: זיצט, זיצט.

חנה: ניין, איך דאַנק זעהר דעם פריץ.

פראַנצשיסקא: וואָס וועט איהר זאָגען עפּעס גוטס?

חנה: איך וואָלט דיר געוואָלט זאָגען, אָבער איך ווייס נישט, פריצ'שי, צו איך קען דיר זאָגען.

פראַנצשיסקא: איהר האָט געוואָלט עפּעס געלד?

חנה: יאָ, פריץ, קיין סך ביזטו דאָך מיר נישט שולדיג.

פראַנצשיסקא: ניין, טייערע חנה, קיין געלד קען איך אייך היינט נישט געבען.

חנה: נו, מילא, איז אויך נישט קיין אומגליק. איך האָב נאָר געוואָלט פרעגען, פאַרוואָס שיקט שוין נישט די פריצ'טע צו מיר נאָך טיי, צוקער און נאָך אַנדערע קלייניגקייטען?

פראַנצשיסקא: עה, „פּאַני קופּצאָווע“, וואָס גיבען מיר דען היינט איננאַנצען צו לייזען. ס'אַנדערע, איך ווייס גאָרנישט, אויב מיין העלענטשע האָט ערגעץ געשיקט קויפען צו עמיצען אַנדערש.

חעלענע: איך האָב נישט געקויפט אין ערגעץ.

פראַנצשיסקא: מיר קויפען היינט איננאַנצען גאָרנישט.

חעלענע: איננאַנצען גאָרנישט. מען קויפט, וויפיעל מען קען.

חנה: נו, פאַרוואָס זשע קויפט איהר נישט ביי מיר?

חעלענע: זייט זיכער, ווען איך וואָלט האַלטען ביי קויפען, וואָלט

איך ערגעץ אנדערש נישט געגעבען צו לייזען קיין גראשען. נור אזוי ווי כ'האב אצינד קיין געלד נישט, קויף איך נישט. איין רובל פערמאג איך; איך וואלט דיר איהם געוואלט אוועקגעבען — נור איך פערמאג נישט מעהר קיין געלד.

**חנה**: לאז שוין די פריצ'טע לאזען צורוה. איך האב קיין מאל נישט צוגענומען קיין חוב פון דעם לעצטען גראשען יענעמס און זאל מיך שוין גאט ווייטער אבהיטען. איך האף צו גאט, אז דער פריצ'טע וועט נאך זיין גוט, ווי פריהער, און דעמאלט וועט זי מיר בעצאהלען.

**חעלענע**: מיט גאט'ס הילף.

**חנה**: דו מיינסט, אין שטאדט הערט זיך נישט, ווי אזוי איהר זענט געבליבען. געבליבען אהן געלד. און מילא: אהן א שטעלע, דאס ווייסט מען דאך; אבער גאט וועט אייך נאך נישט פערלאזען. האט זשע מיר א גוטען טאג, פריצים-לעבען!

**חעלענע**: א גוטען טאג, א גוט יאהר!

**פראנצשיסקא**: פערדענקט נישט צום שלעכטען.

**חנה**: חלילה, זאל מיך גאט אבהיטען. דאס מיינסט, וואס איך האב דא אבגעטרעטען, איז ווייל דער וועג איז מיר שווער געווען; איך בין דא געגאנגען צו עטליכע מענשען, האט מיך שוין אויך געגליסט איבערצופרעגען וועגען עפעס געלד, ווייל דאס ליגט שוין אין דער נאטור פון א סוחר'טע. און נאכהער, וואס דאס איז נאך צום מיינסטען, פארוואס איך לייז נישט פון אייך. דאס איז דער עיקר ביי א סוחר'טע, ווייטער האט מיר אלדעס גוטס און זאל אייך גאט העלפען.

**פראנצשיסקא**: דאנק, דאנק.

**חנה**: און יא, פריץ, — א פאקוניקעל טראג איך דא פאר אייערטוועגען [נעהמט דאס פעקעל און לעגט עס אוועק אויפ'ן טיש].

איך בין געגאַנגען אַלץ אײַנװעגס...

פראנצשיסקא: אָבער איך האָב דאָך הײַנט קײַן געלד נישט.

חנה: און איהר זאָלט מיר אַ גוט יאָהר האָבען, צו פרעגט מען דען אײַך? איך האָב אײַך געבאָרגט און װיל װײַטער באָרגען. זאָל די פּריצה צו מיר שיקען אין געװעלב אַרײַן נאָך װאָס זי װעט בעדאַרפען.

העלענע: און איהר װילט נישט דעם רובל, קופּצאָװע?

חנה: נײַן, זאָל מיך שױן גאָט בעהיטען. איך װיל נישט. אַ גוטען טאָג.

פראנצשיסקא און חעלענע: אַ גוטען טאָג, „קופּצאָװע". [בעגלײַטען זי צו ביז דער טהיר, חנה געהט אַרױס].

פראנצשיסקא: גאָר אַ װאױלע יודענע.

חעלענע: יאָ, איך קען זי שױן פון לאַנג. דעריבער איז מיר אַזױ שלעכט געװאָרען צו קוקען איהר אין די אױגען אַרײַן. איך װײס, אַז איך בין איהר שולדיג.

פנחס: [צו מאַנקאַ'ן]. אַ גוטען טאָג, פאַניושאַ. [גיט איהר די האַנד].

מאנקא: אַ גוטען טאָג!

פנחס: אַ גוטען טאָג, הערשאַפטען!

פראנצשיסקא: אַ גוטען טאָג!

פנחס: אױב דער פּריץ װיל, װעל איך איהם קומען אַלעמאָל אַהער, אַהײם, ראַזירען, אַזױ װי איך פלעג ראַזירען אײַך אין הױף.

פראנצשיסקא: קום, „קאַװאַלער", קום.

פנחס: אַדיע! [נױגט זיך נאָך אַמאָל צום שיקסעל. געהט אַרױס].

פראנצשיסקא מיט חעלענע'ן: [בינדען אױף דאָס פּעקעלע, װאָס ליגט אױפ'ן טיש פון דער קרעמערקע אַנידערגעלעגט].

מאנקא : וואָס האָט איהר דאָ ?

חעלענע : [וויקעלט אויף צוויי פעקלעך טיי, א שטיקעל אָבגעהאַקטען צוקער פון א הוט]. זעה נור, זי האָט אפילי נישט געזאָגט, וויפיל וואָג עס האָט.

פראנצשיסקא : זי האָט פערגעסען מסתמא [געהט אַוועק פון טיש], נו חעלענע, נעהם שטעל אויף דעם סאַמאָוואַר, לאָמיר זיך זעצען מיט די קינדערלעך בײַם טיש, ווי אַלע מאָל. מאַנקע, שטעל דו אויף דעם סאַמאָוואַר.

חעלענע : איך וועל איהם שוין אַלײַן אויפשטעלען. זאָל מאַנקע געבען בעסער א לויף אַרײַן אין דעם הויפישען געוועלבעל אַרײַן — נאַ דיר דעם רובל — און זאָל זי חאַפּען אַ ברײַטעל מיט עפּעס פלײַשיגס. נעהם א פונט קעלבאַסקע, די דינע.

מאנקא : וואו איז דאָס טוך ?

חעלענע : [חילט זי געשווינד אַרום, גיט איהר דעם רובל אין האַנד אַרײַן]. נור אין דער מינוט. [מאַנקאַ לויפט אַרויס] !

פראנצשיסקא : נו, גאָט וועט אונז נאָך נישט פערלאָזען. אָט האָב איך שוין אַ יונגעל צום ראַזירען. דאָס אײַגענע יונגעל, וואָס האָט מיך אַלעמאָל געראַזירט. און די „קופּצאָווע“ וועט אונז אויך ווײַטער געבען טײַ מיט צוקער, אַ'חוץ שוין, וואָס דער „אָגראָדניק“ וועט אונז צוברײַנגען אַ זאַק מיט קאַרטאָפלעס.

חעלענע : די גרעסטע הילפט, פון וואָס אַ שטוב, קײַן עין הרע, מיט גרויסע מענשען און קלײַנע קינדער, דאַרף צו האָבען... [געהט אַוועק אין דער צווייטער שטוב, ברײַנגט אַרײַן דעם סאַמאָוואַר, לעגט איהם אָן בײַם אָפענעם אייוועלע מיט ברענענדיגע קויהלען, בלאָזט אַ ביסעל, דערנאָך שטעלט זי איהם אַרויף אויפ'ן טיש].

פראנצשיסקא : פונדעסטוועגען, זעהסטו, איז אַ וואונדער, ווי מען ווײַסט שוין אַזוי פון יעדעם פּיצעלע. איך מײַן קעגען דער שטעלע, וואס איך האָב שוין נישט. נאָך גוט, וואָס קײַנער האַלט

נישט דערפון, אז איך האָב דעם פריץ בע׳גנב׳עט...
בע׳גנב׳עט האָב איך איהם!

הלענע : מאַ... ס׳איז שוין גאָר נישטאָ פון וואָס צו שמועסען. די שטעלע איז נישטאָ און אַ סוף.

פראנציסקא: יאָ... און וואָס ס׳איז מיר אַלץ איינס.

העלענע : איך וואָלט שוין געדאַרפט געהן אויפוועקען די קינדערלעך (וויל געהן).

מאנקא : (קומט אריין צו לויפען, טראָגט עפּעס פּול אין בוזים מיט דער פּאַטשיילע אַרומגענומען). נאַ, מאַמע, נעהם צו.

הלענע : (אומקערהענדיג זיך צוריק. לאָדט פון איהר אויס אויפ׳ן טיש אַרויף— אַ ברייטעל, קאָלבאַסלעך און אַ פערפּעצט פּאַפּיר איינגעוויקעלט).

מאנקא : טאַטעשי, איך האָב דיר עפּעס צו דערצעהלען. עס האָט מיך געטראָפען אַזוי לויפענדיג מיט דעם ברייטעל און די קאָלבאַסלעך אונטער דעם פּאַטשיילע אַרומגעוויקעלט, טרעף ווער? דעם פריץ „אַניעליטש׳עס” זוהן. דער מיט די שענע וואָנסעלעך... וואָס האָט זיך דאַמאָלס פאר דיר אָנגענומען...

פראנצשיסקא: וועלכער, דער יונגערער צי דער עלטערער? אַנטאָני, צי יוזעף?

הלענע : נו, וואָס איז געווען, זאָל מען שוין הערען אַ וואָרט.

מאנקא : יוזעף, דער יונגערער איז עס געווען. האָט ער זיך געפרעגט אויף דיר און געזאָגט, אַז מאָרגען וועט ער דאָ זיין.

פראנצשיסקא: נו, איז וואָס זשע איז?!

מאנקא : איך ווייס נישט. מאָרגען האָט ער געזאָגט, וועט ער דאָ קומען צו דיר.

הלענא : נו, האָסט שוין געהערט עפּעס אַזוינס! נאָך וואָס אַ שטייגער?

פראנצשיסקא: טאַקי נאָך וואָס, איך ווייס אויך נישט, העלענע, נו גע שוין וועק אויף די קינדערלעך.

[מאנקא ווארפט פון זיך אראב די פאטשיילע, לויפט צו צום אויוועז זיך ווארעמען. העלענע שטעלט זיך ביים קוימען צו שניידען די קעלבאסליך אויף א ברעטעלע, לעגט זיי דערנאך אין א פולמעסיק, וואס זי נעהמט פון דעם קרעדענס ארויס, בעפעפערט עס און שטעלט אויפ'ן טיש. צוהאקט דעם צוקער און שטעלט דעסגלייכען אויפ'ן טיש].

**העלענע:** מאנקע, וואש אויס גלעזער מיט טעצלעך און שטעל אויפ'ן טיש (געהט אוועק אין דער צווייטער שטוב, קומט צוריק מיט פיער קינדערלעך, זעצט זיי אויס אויף שטוהלען ארום טיש. איינס, דאס קלענסטע, זעצט זי אויף א הויך קינדערש בענקעל און שטעלט דער-נעבען איהר שטוהל. פראנצישיסקא זיצט שוין קעגענאיבער ביי דער צווייטער זייט טיש, אזוי אז די קינדערלעך קומען אויס צווישען זיי ביידע—צוויי פון דער זייט און צוויי פון דער זייט. איבער דער צייט שטעלט דערווייל מאנקא די גלעזער מיט די טעצלעך אויפ'ן טיש. מאנקא זעצט זיך אויך דא אנידער. די מוטער הויבט אן אנצוגיסען טיי, שטעלט ארום יעדען צו גלאז, אויסער ארום דעם גאר קלענסטען. זאגט אן יעדען פון די קינדערלעך, זיי זאלען נישט האפען, זיי זאלען זיך נישט בריהען; די קינדערלעך אבער ציהען די הענדלעך דא צום צוקער און דער צוקערניצע, דא צו די קעלבאסליך, ביז די מוטער שניידט אב ברויט און לעגט אנידער פאר יעדען א פעניץ מיט שטיק-לעך קאלבאס ארויפגעלעגט) עסט! (עס ווערט א געזעסעריי מיט גרויס חשק, און דעם מאכט זיך אויף די טהיר).

**א פויער:** (אין א סיקמאנע, מיט א גרויסען זאק קארטאפלעס אויף די פלייצעס פאקט זיך דורך דער אפענער טיר אין שטוב אריין, גיט איהם א לאז אראב פון זיך). דאס איז פון „אגראדניק"! ער האט מיך אהער געשיקט מיט דער פוהר.

# צווייטע סצענע.

אין דערזעלבער שטוב. עס איז צוויי נאָך מיטאָג. אין אייוועלע ברענען זיך צוגליהטע קויהלען. חעלענע זיצט נישט ווייט פון אייוועלע אויף אַ שטוהל, קעמט איין קינד די האָהר. די איבריגע דריי שטעהען איך דאָ אַרום איהר. מאַנקע שטעהט ביים סאַמע אויוועלע און זופּט אַ גלאָז טיי, האַלטענדיג עס אויף אַ טעצעלע אין האַנד.

**חעלענע** : (אויפשטעהענדיג פון שטוהל). נו קינדערלעך, אַצינד זיינט איהר שוין גאָט צו דאַנקען אָנגעגעסען, אויסגעוואַשען און אויסגעקעמט — געהט אייך געזונדטערהייד אַריין אין דער מיטעלשטוב און לאָזט מיך אָב אויף אַ רגע. געהט, געהט, קינדערלעך. שפּיעלט אייך דאָרט מיט די ליאַלקעס און מיט די פערדלעך. די מאַמע דאַרף נאָך צו־וואַשען דאָס געפּעס, וואָס שטעהט אָנגעשטעלט.

**איין קינד** : איך וויל נישט, מאַמע, מיר וויל דאָ זיין...

**חעלענע** : שטיל זאָל זיין! געהט, נאַרישע קינדערלעך.

**מאַנקע** : מאַמעשי, וואָס געהסטו טהון? אָבוואַשען דאָס געפּעס? און וואָס וועל איך טהון?

**חעלענע** : וואָס דו ווילסט.

**מאַנקא** : ניין. פאַרוואָס האָסטו מיך נישט געלאָזט מיטפאָהרען מיט'ן טאַטען און מיט דעם יונגען „אַניעליטש'ן“?

**העלענע** : נאָך וואָס דאַרף מען דיך דאָרט. וואָס וואָלסטו דאָרט געטהון? דו ביזט שוין דען דאָרט געוועזען צייט דו לעבסט? דער טאַטע וואָלט דיך נישט אַרויסגעיאָגט פון דאָרט?

**מאַנקא** : איך וואָלט געשטאַנען הינטער'ן „דזשעדזשיניץ“ און געוואַרט,

ביז וואַנען דער טאַטע װאָלט צוריק אַרויסגעקומען. איך וואָלט שוין געוואוסט, וואָס עס הערט זיך.

**חעלענע** : נו, נו. מען דאַרף נישט [געהענדיג מיט די קינדערלעך אין דער צווייטער שטוב אַריין] קומט קינדערלעך, אָדער שלאָפען, אָדער שפּיעלען. אויב דער טאַטעשי וועט ברייגען אַ גוטע בשורה, אַז ער האָט דאָרט אָנגענומען די שטעלע — וועל איך אייך קויפען מופּטעלעך מיט הענדטשקעלעך מיט שוב-קעלעך און דערעלעך אויף די קעפּ און וועל אייך שיקען אין די „אַחראַנקע" אַריין.

**איין קינד** : מאַמע, מיר ווילען געהן...

**דאס צווייטע**: מאַמע, מיר ווילען געהן...

**דאס דריטע** : מאַמע, מיר אויך.

**דאס פירטע**: מיר אויך.

**העלענע** : אַלע געהען... [געהט מיט זיי אַרויס און זיי האַלטען זיך אַרום דעם קלייד].

**מאנקא** : [בלייבענדיג אַליין] אַך, היינט ס'אַרא גוטער שליטוועגס ס'איז היינט. איך האָב דאָך אַזוי ליעב צו פאָהרען אויף אַ שלי-טעלע [לויפט צו צום פענסטער, גיט אַ קוק אַרויס].

**העלענא** : [קומט אַריין צוריק אַליין].

**מאנקא** : מאַמעשי, דו געדענקסט פאַראַיאָהרען, ווען עס איז אויס-געפאַלען דער ערשטער שניי, האָב איך מיך געשליטעלט באַרג אַראָב אויף אַ קליינטשיק שליטעלע?

**חעלענא** : נו, וואָסזשע איז?

**מאנקא** : גאָרנישט; גלאַט אַזוי.

**פראנצשיסקא** : [קומט האַסטיג אַריין, אָנקומענדיג ערשט פון ערגעץ, אין אַ שאַפּען-פוטער, וואַרפט עס געשווינד פון זיך אַראָב. אויפגערעגט, בייז און דענערווירט גיט ער אַ שלייդער דעם קאַפּעליש אָן טיש און גיט זיך אַ וואָרף אַנידער אויפ'ן שטוהל ביים טישעל. מאַנקא און

חעלענע בלייבט א ווײַלע שטעהן, ווי פערגליווערט].

חעלענע : וואס אי? וואס ביזטו שוין צוריק געקומען?

פראנצשיסקא : שוין. אציינד, קינדערלעך, איז שוין מיין עק!

חעלענע : וואס אי? דו האסט נישט געקריגען די שטעלע?

פראנצישיסקא : אוי, חעלענטשע! לאז געמאך! ווער דארף שוין איצט א שטעלע? איך בין דאך שוין א גנב געבליבען פאר דער גאנצער וועלט! איך וואלט דיך, זאגט ער, צוגענומען, דער אלטער „אניעליטש"; נור וואס קומט דערויס, עס הערט זיך נישט קיין שענעס וועגען דיר מיט דיין אוועק־געהן פון דער אלטער שטעלע.

חעלענע : און אזוי האט ער דיר ארויסגעזאגט?

פראנצשיסקא : אט אזוי ווי דו הערסט.

חעלענע : האסט איהם געקעהרט צו זאגען, אז עס זאל איהם א דונער „זאטשאסקען".

פראנצשיסקא : חעלענעשי! וואס איז ער דען שולדיג, אט דער אלטער מאן? יעדער פריץ וויל האבען ביי זיך ערליכע מענשען.

חעלענע : אבער וועה איז מיר געשעהען; דו האסט דאך נישט גע'גנב'עט ביי קיינעם.

פראנצשיסקא : נו, געה שנייד אויף דאס הארץ. דאס זאגסט דו נור אזוי, און איבער דער גאנצער אומגעגענד ארום האבען זיך פער־שפרייט קלאנגען, אז איך האב יא גע'גנב'עט; אז איך האב יודען, סוחרים געוואויגען תבואה פון שפייכלער ארויס, האב איך איבערוואויגען מעהר און פערשריבען ווייניגער, דערפאר וואס איך האב גענומען הינטערוואליכס געלד פון זיי. איך האב שוין געהערט אויך, אז עס איז געוועזען א געשריי, א געליארם מיט די יודען, ביי וועלכע, ער מיינט, אז איך האב גענומען געלד, און מען האט זיי פון הויף ארויסגעווארפען. ס'איז שוין קיין אנדער פאל נישטא, נור צו בעגראבען זיך לעבעדיגערהייד; ווארום אין

קײן שום הױז װעט מען מיך שױן נישט אַרײַנלאָזען.

**חעלענע**: (פאַלט צו צו מאַנקאַ'ן): מאַניושאַ, דער טאַטע װעט דיר שױן געבען צען טױזענד רובל נדן! זײַנע טרױמערײַען, זײַנע טרױמערײַען!

**פראַנצישסקאַ**: אין דעם געהט עס דיר ערשט? דאָס גאַנצע הױז געהט מיר אונטער, מײַן גאַנצער ערליכער נאָמען!

**מאַנקאַ**: (מיט אַ געװײן): טאַטעשי, מאַטעשי, װאָס װילסטו האָבען?

**חעלענע**: שװײַג שױן שטיל אַ ביסעל, װאָס רעגסטו מיר אַזױ פיעל די גאַנצע שטוב אױף? מילא, האָסטו נישט געקריגען די שטעלע, זאָל זיך דיר דאַכטען, אַז עס איז גאָר קײן „אַניעליטש" אױך נישטאָ אױף דער װעלט.

(פױזע)

**פראַנצישסקאַ**: (אַ ביסעל בערוהיגטער): איך האָב מיר אָנגעטהון דעם יום־טוב'דיגען פראַק מיט דעם שניפּס און געגאַנגען בעטען אַ שטעלע. צו װאָס איך האָב דערלעבט!

**יוזעף אַניאַליטש**: (קומט אַרײַן): מײַנע געעהרטע פּריצים, קימערט אײַך נישט, רײַסט אײַך נישט. פערלאָזט זיך דערװײַל אױף גאָט'ס בעראָט. װי גאָט איז אײַך ליעב, און מיר — אײַך בעהילפיג צו זײַן, װי איהר װעט האָבען די שטעלע, װעלכע איהר זענט ערשט געגאַנגען אָנגעהמען. מײַן פאָטער איז אַן'אַלטער מאַן, מיט אַלטער, בלינדער גלױביגקײַט אין יעדען קלאַנג און פּוסטער נאַרישקײַט, װאָס פערשפּרײַט זיך אַרום אין אונזער געגענד. זאָל עמיצער אַרױסלאָזען אַ שורך, אַז ערגעץ־װאו האָבען די „פּאַראָבקעס" אונטערגעצונדען אַ שײַער מיט תבואה, צו מײַן פאָטער װעט שױן דעמאָלט קענען אַנ'אױג צוטהון אױף װיפיעל נעכט לאַנג, און װעט נישט אַנדערש פערלאַנגען, נור מען זאָל אַלע מענשען און אַלע פּאַראָבקעס אָבשאַפען פון אונזער הױף. דער אונצוטרױ צו מענשען און איבערהױפּט צו אַרומיגע, דאָס איז די

אלטקייט, די שוואכקייט. אבער מיין פאטערס אונצוטרוי, וואס אנבעלאנגען צו אייך, וועט נישט לאנג געדויערן — העכסטענס איבער דער וואך. דען די עלטער, צו איהרע שלעכטע זייטען, האט אבער נאך א מעלה אויך, און דאס איז: דאס לאזען לייכט ווירקען אויף זיך יעדען שמייכעלע, יעדע חניפה׳לע. די נארישקייט מוז בעזיצען יעדער אלטער מאן, האט ער געמענט אין דער יוגענד אליין דער גרעסטער זיין, און א געגנער פון דער פאלשקייט. אט דאס איז נאך זייער מעלה, אז נישט וואלטען זיי גאר אונערטרעגליך געווען, ווארום איינגאנצען לעבען זיי נאר דאמאלס, כדי צו שטרויכלען דאס ארומיגע לעבען, און אפטמאל אליין קאליע צו מאכען דאס, וואס זיי האבען אין זייער לעבען לאנג ערווארבען פאר זיך. נור וועגען דעם וועלען מיר נישט שטעלען זיך אויסשמועסען, איך וועל אייך בעסער זאגען, אז איך מיט מיין עלטערן ברודער, אנטאני, האבען נענוג שאנסען צו געווינען דעם אלטענס סימפאטיע פאר אייך. העכסטענס א וואך וועט געדויערן און דאמאלס נעהמט איהר אן ביי אונז א שטעלע, וועלכע מיר לעגען אייך פאר מיט גרויס אכטונג.

**פראנצשיסקא:** מיין ליעבער פריינד, איך דאנק אייך פון טיעפסטען הארץ פאר אייער גוטסקייט און מיטפיהלען א פריינד. אבער, ליעבער, צו פיהלט איהר מיך מיט אין דעם אויך, אז איך האב אין די אלע קלאנגען וועגען מיר קיין שום שולד נישט?

**יוזעף:** ציי איך פיהל אייך מיט? א, ווען איהר זאלט וויסען, ליעבער פריינד, ווי וויים מיך שמערצט דאס, וואס מענשען אורטיילען אממייסטענס נור לויט דאסזעלבע, ווי עס איז סיי ווי סיי געאורטיילט, און קיין שום בעגריף, קיין שום אהנונג וועגען כאראקטארען האבען זיי נישט: ביי וועמען עס איז יא מעגליך און ביי וועמען עס איז נישט מעגליך די אדער יענע מעשה, דער, אדער יענער קלאנג—וואלט איהר מיך נישט חושד געוועזן, אז איך קום אייך צו הילף נור

בלויז אוים רחמנות.

**פראנצשיסקא**: (דערלאנגט איהם די האנד): אויב אזוי, זענט איהר דער־איינציגער מענש, פאר וועלכען איך קען מיין נשמה אוועק געבען מיט אנ׳אונגעהויערער ליעבשאפט. און לעבען און נישט לעבען וואלט מיר שוין גאר אלץ איינס גלייך געווען! אבי נור א מענש צו האבען, וואס קען מיטפיהלען.

**יוזעף**: דאנק אייך זעהער, מיין ליעבסטער פריינד. און טהוט מיר די געפעליגקייט און בערוהיגט זיך; א שאד, כ׳לעבען, אייער פרוי מיט אייער קינד — איהר האט, זעה איך, אזא וואויל קינד (ווייזט אן אויף מאניושקא׳ן) — זאלען דארפען ליידען, צוליעב זיי — שטארקט אייך, און מאכט נישט מעהר אן קיין שלעכטע שטימונגען אין שטוב. פאר אייער עהרע קע־נען די אלע קלאנגען ביי ארענטליכע, פערשטענדיגע מענ־שען גארנישט שאדען, און ווייטער, וואס אנבעלאנגט אייער מאטעריעלער זייט, קען איך אייך האפטען, אז צייט אלט טאג, דאס הייסט, אין אזא צייט ארום, איז אייער שאדען אומגעקעהרט.

**פראנצשיסקא**: איך דאנק אייך זעהר, ליעבער פריינד. דאך איז מיין נאמען געשאדעלט. איך הייס א גנב ביי מענשען.

**חעלענע**: מענעלע, וואס ווילסטו נאך גאר אליין האבען פון דיר?

**יוזעף**: אייער פרוי איז גערעכט. איהר זאלט עס גאר פאר דעם מויל נישט ברענגען. איהר נעהמט אייך די זאך צו שטארק אין זינען אריין. א סך שטארקער, ווי לייט דענקען דעריבער.

**פראנצשיסקא**: לייט דענקען גארנישט. לייט וויסען נור צו הערען און האבען עפעס צו דערצעהלען.

**יוזעף**: א פאקט. נור דאך בערוהיגט אייך. בערוהיגט אייך, ליעבער פריינד, זאג איך אייך. איך בין עקסטרע דערויף אהער געקומען. איך האב געדענקט, וועלכען איינדרוק עס וועט אויף אייך מאכען מיין פאטערס בעציהונג צו אייך. אלזא, איך בין אבער געקומען אייך צו בערוהיגען. איהר

זאָגט עס מיר צו ?

פראנצשיסקא : איך זאָג עס אייך צו .

יוזעף : טאָ בלייבט זשע שוין רוהיג. און איך קען מיר שוין געהן מיין וועג. אין אכט טעג ארום וועלען מיר זיך שוין זעהען, דענק איך , אי דאָ הינעו, אי ביי אונז אין קאנטאָר ; דער־ וויל האָט מיר אַ גוטען טאָג .

פראנצשיסקא : אַ גוטען טאָג , אַ גוטען טאָג (גיט איהם די האנד) .

יוזעף : דאָס וואָס עס איז מיר נישט געלונגען היינט מיט דער שטעלע, וועט מיר געלינגען , האָף איך , אין עטליכע טעג שפּעטער . (גיט די האנד חעלענען און מאנקא׳ן) אַ גוטען טאָג . אַ גוטען טאָג !

חעלענע און מאנקא : אַ גוט יאָהר ! (יוזעף געהט ארויס) .

פראנצשיסקא : נו , חעלענע, וואָס זאָגסטו אַצינד ?

חעלענע : אַ וואוילער מענש, אַ גוטער מענש. ער זאָגט דיר טאַקי צו דיזעלבע שטעלע ?

פראנצשיסקא : אַ קלוגער מענש, אַ וואוילער מענש. אָבער דאָך מיין נאָמען בלייבט פערפלעקט, פערפלעקט ביז אייביג . אַז מען האָט מיר אָבגעזאָגט פון דער אַלטער שטעלע, דאָס בלייבט אַ פאַקט, מיט וועלכען מען מוז זיך רעכענען .

חעלענע : שוין ווייטער דאָס אייגענע ? לאָז די אַלטע שטעלע מיט די אַלע געדאַנקען וועגען איהר צו אַלדע טייוועל . זעה נור צו : אַ מענש , וואָס מען האָט איהם די גאַנצע טרייסט צוריק־ גענעבען, און ער זעצט זיך ערשט אַנידער איבער׳ם ניי זאָר־ גען . דו הערסט דאָך, אַז קיינער גלויבט נישט אויף דיר . און דער שאָדען דיינער , האָט ער דאָך דיר אַליין צוגעזאָגט, אַז אין אַ קליינער צייט אַרום וועט ער זיין צוריק אומגע־ קעהרט .

פראנצשיסקא : יאָ, צוריק אומגעקעהרט . . .

חעלענע : אַ טאַטע דאָס איז, ער זאָל עס מיך בעסער פרעגען גאָר

אויף די קינדערלעך.

**פראנצשיסקא**: וואו זענען זיי?

**חעלענע**: אין סאלאן. זיי שפילען זיך גאר פרעהליך.

**פראנצשיסקא**: מילא...

**מאנקא**: מאמעשי, דער טאטע האט דאך נאך היינט נישט געגעסען.

**חעלענע**: ביזט געוועכט, טאכטערשי, ער האט נאך היינט טאג גארנישט געגעסען. פראנצשיסקא, דו וועסט געהן עסען.

**פראנצשיסקא**: נעהם אריין די קינדערלעך, זאלען זיי אויך עסען.

**חעלענע**: זיי האבען שוין געהאט דאס ווייטערינגע.

**פראנצשיסקא**: עס שאדט נישט. גיה, זאלען זיי עסען נאך אמאל מיט דעם טאטען צו זאמען.

**חעלענע**: [הענגט אריין דעם מאנ'ס פוטער אין דער שאפע, גרייט צום טיש]: געה דו, מאנקא, זעה, וואס די קינדערלעך טהוען דארט. [מאנקא געהט אוועק אין צווייטען צימער. חעלענע רוקט ארויס פון אייוועלע א טעפעל מיט עפעס, גיסט אויף אין טעלערס אריין גריץ, לעגט צו שטיקלעך פלייש אונטעטום, הויבט אן ארויסצוטראגען אויפ'ן טיש].

**מאנקא**: [קומט צוריק אריין מיט די קינדער].

**פראנצשיסקא**: מאך זיי געזעסען ביים טיש. [מאנקא טהוט אזוי].

**חעלענע**: נאך וואס, פראנצשיסק'שי, זיי האבען דאך שוין אלע געגעסען. מילא אין שטוב, ווי אזוי עס איז, איז. אבער זיי לאזען זיך קיין עולה נישט טהון.

**פראנצשיסקא**: גיב זיי, די קינדערלעך, זאלען זיי נאך עסען, נאך עסען. קינדעריש גליק — דאס איז דאך זייער איינציג גליק, וואס זיי האבען ביי מיר, ווי לאנג עס פעהלט נאך נישט אין שטוב.

**חעלענע**: [לעגט אריין ברויט אויפ'ן טיש]: שוין, דאס איז שוין דאס לעצטע שטיקעל, וואס געפינט זיך נאך

[פראַנצשיִסקאַ זעצט זיך עסען, חלעלענג מיט מאַנקאַ'ן אַנטקעגען, אָבער זיי עסען ניִשט, נור קוקען, ווי די קינדערלעך עסען. מאַנקאַ שפּיעלט זיך מיט דעם געהנטסטענס קינדס העהרעלעך צווישען איהרע דינגע, ווייסע פינגערליך. אין שטוּב איז אַ געדריקטע שטימונג. עס הערט זיך נור צייטענווייז דער קלאַנג פון אַ לעפעל אָן אַ טעלער. ווייטער איז אַלץ שטיל און פערזאָרגט].

[די טהיר מאַכט זיך אויף און צוויי יודען, העגדלער פון אַלט-וואַרג, מיט זעקלעך און שטעקלעך און הענדשקעס אויף די הענד, אַרומגעוויקעלט מיט דערעם אַרום די העלזער — קומען אַריין, בלייבענדיג שטעהן ביי דער טהיר].

גבריאל : גוט מאָרגען, הערשאַפטען!

פראַנצשיסקא : גוט מאָרגען, גוט מאָרגען! וואָס האָט איהר געוואָלט, יודען?

גבריאל : דער פריץ זאָל ניִשט פאַר אומגוט נעהמען, וואָס מיר ווילען איהם זאָגען; נור ניִשקשה, זאָל דער פריץ פריהער אָבעסען.

פראַנצשיסקא : איהר קענט אפשר שוין זאָגען?

גבריאל : שוין, זאָל זיין שוין ... נור פריץ, מיר האָבען ניִשט געוואָלט דאָרט אַהין זאָגען ... דו קענסט דיך אפשר מטריח זיין אַ ביסעלע אַהערצוצי?

פראַנצשיסקא : יאָ, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען [שטעהט אויף און געהט צו. אַלע קינדערלעך און דאָס ווייב קוקען זיי נאָך].

גבריאל : פריץ מיר זענען העגדלער, מיר האָבען געהערט אין שטאָדט, אַז עס איז דאָ ביי דיר עפּעס צו פערקויפען. נור מיר האָבען ניִשט געוואָלט אָנטהון קיין ענמת נפש, ווייל די פריצה וועט זיין ניִשט צופרידען.

פראַנצשיסקא : ס ... ס'שאַדט ניִשט. דאָס איז גאָרניִשט. דאָס ווייב מעג

אויך הערען — גוט טאקי, וואס איהר זענט געקומען. עס וועט זיך געפינען עפעס.

**גבריאל** : אזוי ? גוט.

**פראנצשיסקא** : הער נור, חעלעטשו. די יודען זענען „חאנדלאזשעס״ : מיר וועלען פאר זיי אויסזוכען עפעס צו פערקויפען.

**חעלענע** : און וואס האסטו צו פערקויפען ?

**פראנצשיסקא** : איך ווייס ? עס וועט זיך שוין געפינען. די יודען קויפען נור אלטווארג.

**די יודען** : יא, יא, אלטווארג.

**חיים** : מעג זיין אפילו נור וואס אבגעניצטעס אויך.

**פראנצשיסקא** : נו ווארט זשע א ביסעל, „זשידקעס״, ביז וואנען איך וועל טאקי פריהער אבעסען.

[זעצט זיך צוריק אויף זיין ארט, עסט געשווינדער].

**חיים** [שטיל] : דו זעהסט, וואס ביי זיי איז ... להבדיל, נישם, ווי ביי קיין יוד. דאס עסען איז קודם, שטעהט צו אלעם ערשטען. ביי א יודעלע אבער א האנדעל צו מאכען, מעג זיין קויפען אדער פערקויפען, איז שוין א כפרה דאס עסען...

**גבריאל** : שווייג.

**חיים** [אבזיפצענדיג] : אוי, דעריבער האבען זיי דאך טאקי כח אויס־צושטעהן...

**פראנצשיסקא** : הייסט עס, אז אין דער גאנצער שטאדט ווייסט מען שוין, אז איך בין אבגעזאגט פון דער שטעלע ?

**גבריאל** : יא, פריץ, מען ווייסט שוין.

**חעלענע** [צו פראנצשיסקא׳ן] : פאר וואס ביזטו אבגעזאגט, דו ביזט אליין אוועקגעגאנגען.

**פראנצשיסקא** : נו שוין, נו אלץ איינס... [צו די יודען] און פאר קיין נגיד, אז איך זאל האבען אנגע׳גנב׳ט, א שטייגער, א

עֶטליכֶע טויזענד רובל — דאָס האַלט מען מיך נישט.

גבריאל : אָ פּריץ, ניין, דאָס נישט. הע, הע, הע; אַז ווען יאָ וואָלטען מיר, פּריץ, נישט געקומען צו דיר קויפען קיין זאַכען...

פראנצשיסקא : איהר זענט גערעכט [זיפצט אָב].

גבריאל : פונדעסטוועגען, פּריץ, נעהם דיר נישט צום הארץ. דאָס גליק און דאָס נישטגליק זענען נישט אויף אייביג.

פראנצשיסקא : נו, חעלענטשו, לאָמיר די יודען עפּעס ווייזען. וויי צום ערשט מיין טולופּ. יודען, איהר קענט קויפען אַ סך זאַכען, און טייערע?

גבריאל : ניין, פּריץ. קיין סך געלד פערמאָגען מיר נישט, איין זאַך, מעג זי זיין אַ טייערע, קענען מיר קויפען.

חיים : יאָ, איין זאַך.

פראנצשיסקא : נו, חעלענטשישו, ווייז...

חעלענע : פראַנצשיסקאַשי, ווי קענסטו דאָס מלבוש פערקויפען אום ווינטער.

פראנצשיסקא : אויב עס וועט דיר נאָך זיין נישט שלעכט אויף דער וועלט, וועסטו נאָך האָבען אַ מאַן אין אַ פוטער אויך... חאָטש דו וועסט וועסט דאָס אצינד פערקויפען. דאָס ערשטע אָבער איז ברויט [ער געהט אליין צו צו דער שאַנק, נעהמט אַרויס דאָס פוטער] אָט אָ דאָס האָב איך. קומט אַהער, „סטאַרי זאַקאָנני“!

חעלענע : פערקויף זשע מיין קלייד אויך.

מאנקא [מיט אַ געוויין אַרויס]: און מיר מיין קליידעל אויך...

פראנצשיסקא : שאַט, קינדער. [צום ווייב]: גאָלדענע מיינע! איהר מאַכט דאָך פון מיר אַ תל מיט אייער וויינען. מאַניושקאַ, אויב דו וועסט נאָך האָבען אַ טאַטען, וועסטו האָבען אַ פוטער אויך צו צום טאַטען.

**חעלענע** : [אויך שוין וויינענדיג] מיר ווילען גאָרנישט, מיר דאַרפען גאָרנישט, אַז דו פערקויפסט דיינס. — —

**פראַנצשיסקאַ** : וואָס פאַר אַ מיינס? און מיין פוטער איז דען נישט אייער אַלעמענס? ווער דען איז מחויב צו אייך, אַז נישט איך מיט מיין אַלעם? [מיט אַ געשריי] מאַניושקאַ, מאַרש אַריין! [צווישען די קינדער ווערט אַ געוויינעריי] מיט זיי, מיט די קינדערלעך, מיט אַלע [שטופט אַרויס אין צווייטען צימער מאַנקאַ'ן מיט אַלע קינדערלעך] מאַרש, מאַרש [סאָפּעט אָב].

**די יודען** : פריץ, מיר בעטען דיך איבער, מיר ווילען דאָ נישט קויפען.

**פראַנצשיסקאַ** : האַ!

**גבריאל** : פריץ, מיר זענען שוין אָנגעזאַפּט מיט טרערען אַזוי אויך געווג, אייגענע טרערען, און מיר קענען נישט פערנעהמען קיין אַנדערענס; דערויף זענען מיר יודען. האָט אייך דאָ אַלע קינדערלעך, אַ גוטען טאָג. מיט קיין טרערען ווילען מיר זיך נישט אָנהויבען [וויל געהן].

**פראַנצשיסקאַ** : בנאמנות, יודען, ווי איהר וועט נישט נעהן! איך פערקויף דאָך אייך זייערס אפילו קיין פּאָדים נישט נור מיינס.

**די יודען** : אָבער מיר ווילען נישט קויפען.

**פראַנצשיסקאַ** : נו, חעלענע, וואָס האָסטו מיר אָנגעמאַכט? — —

**גבריאל** : הער נור, פריץ; דו געהסט זי גלאַט נויטען, אַז זי זאָל וועלען פערקויפען?

**חעלענע** : [מיט אַ געוויין] ניין, טייערע יודען; דאָס איז נישט קיין נויטען. איך האָב נור געוואָלט, אַז ער זאָל מיינס אויך פערקויפען.

**פראַנצשיסקאַ** : חעלענטשו, נו, וואָס זשע ווינטשו, וואָסזשע ווילסטו האָבען. איך קען דאָך דיר דיינס נישט פערקויפען, איך וויל דאָך דיר דיינס נישט פערקויפען, איך וויל דיר דאָס נישט טהון. דו פערשטעהסט? דו ביזט נאָך יונג, דו דאַרפסט

דיך נאָך פּוצען, און אפשר געפעלען אויך... זעהסט דו, איך בין אַ מאַנספּערשוין, איך דאַרף שוין נישט דאָס אַלץ... מיינס קויפט יודען, איהרס — נישט, אפילו קיין איין פּאָרעם!

גבריאל : נו, אַז די פּריצה וועט נישט וויינען.

חיים : יאָ, גערעכט.

פראנצשיסקא : נו, חעלענטשעשי, נו. שווייג שוין שטיל, דאָס פּאַסט גאָר פאַר אַ קינד, אויף מיין עהרען־וואָרט. מען זאָל אָבּגעהיט ווערען, ווי אַזוי זי איז אין דער לעצטער צייט געוואָרען. אַזוי ווי אַלע קליינע קינדער; וואָס גיט איהר פאַר דעם פוטער? דאָס פוטער האָט מיך געקאָסט פאַר אַ יאָהרען ווינטער הונדערט רובל.

גבריאל : און וויפיעל, פריץ, ווילסטו היינט?

פראנצשיסקא : זעכציג.

גבריאל : [אַ שאָקעל טהוענדיג מיט׳ן קאָפּ] מאַ... [חיים בעטאַפּט עס, לאָזט עס צוריק גבריאל׳ן אין דער האַנד אריין].

גבריאל : זעהסטו, פריץ, מיר פערשטעהען גאַנץ גוט, אַז אַזאַ פוטער קאָסט דאָס געלד, וואָס דו זאָגסט, זאָלסט עס אונז אפילו נישט דערצעהלען; אָבער ערשטענס, דאַרפסט דו וויסען, אַז דער שניידער, וואָס האָט דאָס גענעהט האָט געמוזט דעראָן גוט פערדינען, און דאָס געגנעה איז פאַר אונז קיין סחורה נישט. מיר שטעלען זיך נור דערויף, וואָס עס איז פערהאַנען דערינען ממשות׳דיגס. און דאָס איז פערהאַנען: ערשטענס: אַ גוטער קאָלנער, וואָס עס איז געלד; צווייטענס — אַ שען אונטער־פוטער, און ווייטער גאָרנישט, וואָרען אַלס מלבוש קענען מיר עס נישט קויפען, נור אַלס אַ שטיק סחורה.

פראנצשיסקא : נו, וויפיל זשע קענט איהר געבען?

גבריאל : דו זאָלסט דיך נישט בייזער׳ן, פריץ; פערציג רובל.

חיים : דאָס הייסט שוין צו־פּיעל.

גבריאל : מען קען נישט אויסרייסען יענעם אויך.

פראַנצשיסקאַ : הייסט עס, זאָל אַראָבגעהן זעכציג רובל פון פאַר א יאָהרען ביז היי־יאָהר?

גבריאל : פּריץ, מעגסט מיר גלויבען, אַז איך וויל דיר קיין עולה נישט טהון. וואָרום איך האָב דאָך געזעהען, וואָס ביי דעם פּוטער פּערקייפען האָט זיך געטהון — — איבריגענס, מיר קענען דיר דערלעגען נאָך אויף צוויי און פערציג רובל, און שוין, דאָס זאָל עס שוין זיין אינגאַנצען.

חיים : פּריץ, איך זאָל מיר שוין אַזאַ יאָהר האָבען, ווי אויב אַז ער גיט דיר דאָס געלד איז עס שוין, ווי פון אַ צופּיעל עהרליכען מאַן.

גבריאל : יאָ, אָבער דער פּריץ קען זיך דאָס נישט פאָרשטעלען, אַז מיר קענען נישט געבען מעהר. גלויב־זשע אונז, פּריץ.

פראַנצשיסקאַ : איהר וועט מיר שוין געבען פינף און פערציג רובל, און אַ סוף, אַנ׳עק.

[ביידע יודען געהען אָב אַ שטיקעל אין אַ זייט, שמועסען עפּעס אַ דורך צווישען זיך אין דער שטיל].

גבריאל : נו, פּריץ; עס איז פערפאַלען, מיר ווילען עס שוין קויפען. אָבער דו ווילסט אונז מיטפּיהלען, אַז מיר זענען דיך נישט געקומען בערייסען, נור אדרבה, מיר ווילען דיר געבען דאָס מעגליכסטע — צו נישט?

פראַנצשיסקאַ : נו, ווי אַזוי זשע? איך גיב עס דאָך שוין אַוועק פאַר ווענינער, ווי די העלפט. אויף מיין דאגה, יודען נעהמט עס.

גבריאל : ניין, זעהסטו. מיר דערלעגען דיר נאָך אַ רובל, דאָס וואָס מיר האָבען צווישען זיך אָבגעשמועסט, חאָטש דו ווילסט עס שוין אַוועק געבען פאַר צוויי און פערציג.

פראַנצשיסקאַ : אַ סוף, נעהמט עס, יודען.

חיים : אַ סוף, אַנ׳עק. מיר וועלען שוין אויך נישט צולעגען

דער באָבעס ירושה, מיר זענען יורשן, ווילן מיר עס שוין זעהען אויסצושפּעקולירען, וואָס בעסער; אבי מיר נישט קיין עולה און יענעם אויך נישט.

[גבריאל נעהמט ארויס פאפּירען געלד פון א לייוונטענעם זעקעלע און צעהלט אויס ביי זיך אין דער האנד].

גבריאל: [צעהלענדיג עס, צו חלענען] גלויבט מיר, פּריצה, ווי איהר זעהט מיך „א זשיד, א סטאַריזאַקאָנניי“, ווי עס פערבלייבט נאָך נישט אַזוי אויך. פאַלט נישט אַראָב ביי זיך, האָטש איהר פערקויפט היינט זאַכען פון שטוב ארויס צו אַנ'אַלטען יודישען הענדלער. גלויבט מיר, אַז איך האָב שוין דאָס מזל אַזוי אויסגעפּרוּווט, ווי א „דזשאַד“ א גלאַטיגען דרייער. היינט איז מען אויפ'ן בענקעל, מאָרגען אונטער'ן בענקעל, און איבערמאָרגען — ווידער גאַנץ אַנדערש.

חיים: אוי, אוי. מיר האָבען שוין אַזעלכע שטיקלעך נישט איין מאָל איבערגעלעבט!

גבריאל: און ווייטער, וואָס אייך איז היינט א שאָד אייער מלבוש? — מען מען דעם גרויסען אייבּיגען בעשעפער נאָך אָנגעטרויען אַזוי פיעל, וויפיעל א מלבוש איז ווערט, און מיר האָבען צו איהם בטחון. וואָס טהו איך, א שטייגער? אַז איך גיי ארויס האַנדלען, פערזעץ איך מיינע שבת'דיגע לייכטער, מיין שנור'ס קייטעל און מיין טאָכטער'ס אויער-רינגלעך — און חלילה, חלילה, עס טרעפט זיך, איך האָב זיי נישט צוריק אויסצולעזען. מען ווייסט עפּעס אין א האַנדעל, ווי אַזוי עס קען זיך איבערדרעהען? בלייבען דען נישט מיינע זאַכען פערפאַלען לעולם ועד? אלאָ זשע ווייטער עס געהט גוט, נו שוין, טאָ פאַר וואָסזשע זאָלט איהר זיך מצער זיין? טאָ וועט איהר זיך אָבקויפען אַנ'אַנדערס, א נייעס, דעם רבונו של עולם מעג מען נאָך אַנטרויען אויף אַזוי פיעל. [דערלאַנגט פראַנצשישקאַ'ן דאָס געלד]. נאַ דיר, פריץ, צעהל איבער נאָך אַמאָל, וואָרום מיט געלד דאַרף מען זיין פאָרזיכטיג.

פראנצשיסקא : [צעהלט איבער] דריי און פערציג, אקוראט. [זעצט זיך אוועק אויף א שטוהל, האלטענדיג דאס געלד אזוי נאכלעסיג אין דער האנד].

די יודען : נו, האט=זשע מיר א גוטען טאג, פריצים.

חעלענע : א גוטען טאג [בעגלייט זיי צו דער טיהר. די יודען געהען ארויס; חעלענע זיך צוריק אומקעהרענדיג]: נו, פראנצשיסקא, נו, וואס זשע זיצסטו אזוי?

פראנצישיסקא [גיט איהר אוועק דאס געלד].

חעלענע : נו, פאר וואסזשע שווייגסטו אזוי?

פראנצשיסקא : לאז מיך אב, חעלענטשי.

חעלענע : פאר וואס? וואס איז?

פראנצשיסקא : גארנישט. גלויב מיר, אז גארנישט. עס איז מיר נור דאס איינע באנג: בעזארגט מיט עטליכע רובל האב איך אייך שוין — דאכט זיך די שטוב איז אויך ארומגעזעהען, אז עס זאל אייך זיין ווארים א גאנצען ווינטער, די ווענד זענען ארומגעקלעפט. נור דאס איינע, וואס איך האב אייך מיט קיין איין פוהר האלץ נישט בעזארגט.

חעלענע : נו, וואסזשע זארגסטו אזוי? אז עס איז דא געלד, וועט שוין אלץ זיין.

פראנצשיסקא : יא . . . און טאמער פעהלט דיר אויס עפעס געלד, מעגסטו פערקויפען דאס רויטע פליושענע מעבעל פון אונזער שלאף=חדר אויך, צו וואס קען עס דיר נוצען?

חעלענא : ווי הייסט, מענעלע! דו רעכענסט דען נישט צו קריגען אזוי גיך קיין שטעלע?

פראנצשיסקא : מ . . . איך וויים עפעס, מיט א מענש, ווי עס מאכט זיך?

חעלענע : און דו האלסט דען נישט דעם צוואג פון „אניעליטשען" פאר זיכער?

פראנצשיסקא : יא. נור איך האב דאך דיר געזאגט: איך וויים נאך גאר אליין נישט.

חעלענע : אַז וואָס ?

פראַנציישסקאַ : אַז גאָרנישט, מײַן ווײַבעלע. זעה נור, ווי איך האָב די קינדערלעך פריהער אַזוי אַרויסגעשטופּט פון דאַנען. דאָס האַרץ טהוט מיר איבער זיי ווער — מײַנע שוואַלבען.

חעלענע : איך געה זיי צוריק אַרײַנרופען.

פראַנצשיסקאַ: געה נישט דו. איך געה שוין אַליין אַרײַן זיי צוריק איבערבעטען (געהט אַוועק אין צווייטען צימער).

(חעלענע נעהמט דערווײַל צוזוימען די שטוב.

אין אַ ווײַלע אַרום קומט פראַנצשיסקאַ צוריק, געהענגאָג ... דער דרויסען-טהיר).

חעלענע : פראַנצשיסקאַ, דו געהסט ערגעץ ?

פראַנצשיסקאַ: איך געה נישט אין ערגעץ; נישט מעהר, ווי דאָ אַרויס (געהט אַרויס. חעלענע וואַשט און רוימט דאָס געפעס).

מאַנקאַ : (קומט אַרײַנצוגעהן פון יענעם צימער אין אַ שפּעטערע ווײַלע אַרום; קוקט זיך אַרום).

חעלענע : וואָס קוקסטו, מאַניושאַ ?

מאַנקאַ : גאָרנישט ... (קוקט זיך נאָך אַמאָל אַרום, געהט צוריק אַרײַן אין יענעם צימער און קומט אין אַ ווײַלע אַרום צוריק אַרויס) : דער טאַטעשי איז נאָך נישט אַרײַנגעקומען ?

חעלענא : ניין.

(מאַנקאַ געהט נאָך אין דרויסען אַרויס, קומט אין אַ ווײַלע אַרום צוריק אַרײַן).

חעלענע : נו, דו האָסט נישט געזעהען דעם טאַטען ?

מאַנקאַ : ניין, ער האָט אונז אָנגעקוקט, אָנגעהאַלזט און איז אַרויס-געגאַנגען ...

חעלענע : לאָז מיך נור (געהט שנעל אַרויס).

מאַנקאַ : מאַמעשי! (די מוטער בלײַבט שטעהן אין דער אָפענער טהיר) : ער איז געגאַנגען די קליאַטשקע איבערבינדען, מיט דעם שטריק צום ברונעלע.

**העלענע** : צום ברונעלע, אַ בראָך איז צו מיר, ער איז נישטאָ ?
[ענטלויפט, מאַנקאַ נאָך].

**מאַנקאַ** : [אין אַ מינוט אַרום. קומט אַריינצולויפן אין שטוב] מאַמעשי, נאָ
וואַלד ! [ריסט זיך אַריין אין דער צווייטער שטוב און ענטלויפט
באַלד צוריק אַרויס, אָפענפּראַלענדיג די טירען].

(פאָרהאַנג).

# דריטער אקט.

# דריטער אקט.

א שלאף-צימער אין פראנצישיסקאס הויז. רעכטס א טהיר אין די ווייטערע שטובען אריין, פערהאנגען מיט א רויטער פארטיערע. א רויטער פליושענער דיוואן; ביי דער זעלבער וואנט רויטע פליושענע-געבעטע שטוהלען. אין דער מיטען א רויט סאלאנענער טיש. אויבען אן נאך א טהיר אין דרויסען ארויס. די ווענט געקלעבט מיט רויטע טאפעטען. אנפאנגס סצענע דרעהט זיך אנאפחי, חעלענעס ברודער, ארום אין צימער אין זיין גלחי'שען מאנטעל און אין גאלען קאפ. עס מאכט זיך אויף די טהיר פון די ווייטערע שטובען און חעלענע, אין שווארצען געקליידעט, קומט אריין.

**חעלענע**: ברודערשי, וואסושע וועל איך אצינד טהון. איך האב שוין מעהר נישט קיין געלד. און איך דארף נאך בעצאהלען דעם יוד פאר דער אובראניע און א יודענע פאר קאמאשען, און נאך איינער פאר א קראוואט מיט הענדטשקעס?

**אנאפחי**: צו האסטו דען פון מיר די הילף נישט געקענט האבען טעלעגראפיש? טעלעגראפיש וואלט איך דיר געווען דאס ארויסגעשיקט און איך זאל דא אהער נישט דארפען קומען.

**חעלענע**: ברודערשי, ער איז דאך דיר שוין דאס לעצטע מאל צו-

לאַסט. דײַן שוואָגער וועט שוין מעהר פון דיר גאָרנישט פערלאַנגען. ער געהט שוין אַצינד אַוועק אין אַזאַ וועג, פון װאַנען מען קומט נישט צוריק אויף אײביג.

**אַנאַפּחי**: רעד מיר נישט, זײַן טויט איז פאַר מיר אַנ'אײביגע שאַנדע, אַז איך האָב אַזאַ שוואָגער געהאַט; וועלכער עהרליכער קריסט נעהמט זיך עס דאָס לעבען?

**חעלענע** [אַרויסוויינענדיג]: אוי, אוי, ברודער, — — —

**אַנאַפּחי**: נו, טאָ וואָסזשע ווייַנסטו? און וואָס מיינסטו וועט אַצינד מיט דיר זײַן? ווי האָט ער זיך עס פערגינען צו נעמען דאָס לעבען, דער „לײַדאַק", ווײסענדיג אַז ער לאָזט איבער אַ ווײַב מיט קינדער? אויף וועמענס הענד האָט ער אײַך איבערגעלאָזט?

**חעלענע**: ברודערשי, נישט אויף דײַנע. ווי גאָט וועט מיט מיר מאַכען אַזוי וועט זײַן.

**יוזעף** [קומט אַרײַנצוגעהן דורך דער זעלבער טהיר]: אין וואָס געהט עס, מײַנע ליעבע הערשאַפטען?

**אַנאַפּחי** [אַ ביסעל צוריקגעצויגען]: צו האָט עמיצער שוין געהערט אַזעלכעס, אַז אַ קריסט, אַ טאַטע פון קלײַנע קינדער און אַ מאַן פון אַ ווײַב זאָל זיך נעמען דאָס לעבען?

**יוזעף**: צו איך האָב שוין געהערט אַזוינס, פרעגסטו, פּאַני קשיאָנדזו? יאָ, איך האָב שוין געהערט אַזוינס: וועמען עס ווערען מיאוס די לעבעדיגע, קלויבט זיך אויס אַנ'אָרט צווישען די טוידטע.

**אַנאַפּחי**: האַ? מען האָט אַ שטעלע פערלוירען; איבער דעם? און אפשר איז נאָך גאָר יענער נישט אומגערעכט אויך...

**יוזעף**: שעהם דיך, פּאַני קשאָנדזו, צו טאַדלען אַ שוואָגער נאָך טוידט.

**אַנאַפּחי**: צו ער איז מײַן שוואָגער געוועזן? זי איז נור מײַן שוועסטער. און דאָס אויך נור, ווי איך וויל. זאָל ער האָבען שלעכט געמײַנט, אַז ער האָט זײַן פרוי און זײַנע קינדער-

לעך איבערגעלאָזט אויף דעם שוואָגער׳ס הענד — איך שאַ־
קעל מיך פון זיי אָב אינגאַנצען.

**יוזעף**: פאַני קשאָנדז, אז דו וועסט עס נישט זאָגען, זעהט מען עס אויך — פון א נעהמער קען מען קיין געבער נישט ווע־
רען. איך בעט אייך זעהר זעהר און זעהר איבער: אַזעלכער, וואָס לעבט פון דעם, וואָס מענשען גיבען, קען קיין צווייטען נישט געבען צום לעבען. נור, פריץ, דאָס איז שוין בעזאָרגט, אז זי זאָל דיר נישט דאַרפען פאַלען צו לאַסט. עס לעבט נאָך דער מערדער, דער בלוט־פערגיסער פון איהר מאַן. און איך האָב שוין ·נאָך איהם געשיקט רופען, נור אין דיין נאָמען, עס זאָל דאָ ווערען א שטיקעל לאַד וועגען דער עלענדער פרוי מיט איהרע קינדערלעך; זאָל דאָ הינען זיין א זיצונג וועגען דעם פון עטליכע שכנים; און נאָך מיין פאָטער האָב איך אויך געשיקט.

**אנאפּחי**: אָט אַזוי בעשטעה איך. אויף עפּעס זיך פערפליכטען פאַר זייערט וועגען קען איך אויך, ס׳הייסט צוזאַמען מיט נאָך עטליכע גוטע שכנים קריסטען.

**יוזעף**: ניין, פריץ, עס איז א שאַד; אז דו וועסט נישט געבען גאָרנישט, וועט דיר טאַקי בלייבען ווי צום מיינסט.

**אנאפּחי**: יונגער מאַן, דו בעלעדיגסט מיך צופיעל! שוועסטער, וואָס שטעהסטו דאָ און וויינסט, דו הערסט, ווי אין דיין נאָמען חער איך דאָ געשענדעט.

**חעלענע**: חאָסזשע זאָל איך טהון, ברודערשי; די יודען שטעהען און בעטען געלד פאַר אָנקליידען מיין מאַן צום לעצטען מאָל. זאָל ער אפשר קיין רוהה נישט האָבען אין דער ערד דע־
ריבער, ווייל מען האָט איהם בעגראָבען אין אומבעצאָהלטע, געבאָרגטע קליידער?

**אנאפּחי**: גנעה, שיק זיי אַריין די יודען אַהערציצו [חעלענע געהט צוריק ארויס]. נור דיר, יונגער מאַן, זאָג איך, אַז דו האָסט גאָר־
נישט קיין גאָט אין האַרץ. און אַזעלכען, ווי דו מעג מען

מיט רעכט אויסשליסען פון דער קירכע און פון דער גע-מיינדע.

**יוזעף** : צו דער הער „קשאנדרו" געהערט דא אהער צו אונזער „פאראפיע"?

**אנאפחי** : יונגער מאן, דו האסט נישט קיין גאט אין הארץ.

**יוזעף** : אדיע, פריץ, ווייל איך שליס דיך, זעהסטו, אויס; איך וויל נישט זיצען אין איין זיצונג מיט דיר און מיט אזעלכע מערדערס, ווי „קאספער" איז. דיר וועט ער אפשר נוטצען, צו ווערען דער געטרייער שיצער פון דיין שוואגערס וויב און קינדער!

[געהט האסטיג ארויס דורך דער דרויסענדיגער טיהר].

**אנאפחי** : דו „אונגלויביגער". דאס איז קיין קריסט נישט, ניין!

[א יוד און א יודענע מיט א וויבעל קומען אריינצוגעהן דורך דער טיהר פון דער צווייטער שטוב].

**אנאפחי** : אייך קומט עס געלד?

**יודענע** : מיר פאר א פאר קאמאשען, זעקס רובל.

**אנאפחי** [צו'ם וויבעל] : און דיר?

**ווייבעל** : פאר הענדשקעס און קראוואט — א רובל מיט פינפאון-זעכציג קאפיקעס.

**אנאפחי** [אין דער אפענער טהיר ארום, הינטער וועלכער די אריינגעקומענע שטעהען] : חעלענע!

**חעלענע** [בעוועגט זיך, ווישענדיג די אויגען פון טרערען] : וואס?

**אנאפחי** : וויפיעל קומט דער און וויפיעל דער?

**חעלענע** : דער זעקס רובל און דער א רובל מיט פינף-און-זעכציג. און דעם יוד צוואנציג רובל פאר אנ'אבראניע [געהט צוריק אוועק].

**אנאפחי** נעהמט ארויס געלד און בעצאהלט דעם וויבעל מיט דער יודענע. דאס וויבעל און די יודענע געהען באלד ארויס צוריק אין דער זעלבער טהיר] : און דיר וויפיעל קומט, „יוד"? גלייכע צוואנציג רובל?

**יוסף** : אזוי, פריץ.

[קאַספּער קומט אַרײַנצוגעהען דורך דער דרויסענדיגער טהיר].

אנאפּחי [ענטקעגען געהענדיג]: אָה, מײַן שעצונג.

קאַספּער [גיט איהם די האַנד]: וואָס מאַכסטו, הערר „קשאַנדרו“?

אנאפּחי: גאָט צו דאַנקען; דעם גאָט, וואָס לעבט אײביג צוזאַמען מיט אַלע מענשען־קריסטען. און וואָס מאַכט איהר, פּריץ?

קאַספּער: אַזוי זיך. דאַנק אַמבעסטען.

אנאפּחי: איך קען אפשר דעם פּריץ דיענען מיט אַ שטוהל.

קאַספּער: דאַנק אַמבעסטען. איך האָב נור געוואָלט וויסען, הערר „קשאַנדרו“, נאָך וואָס מען האָט מיך געשיקט רופען אַהער, און נישט אַנדערש, נור איך זאָל שוין קומען, אָדער דאָס האָסטו, הער קשאַנדרו מיך געשיקט רופען.

אנאפּחי: יאָ, פּריץ.

קאַספּער: אַזוי איז עפּעס אַנדערש.

אנאפּחי: קען איך דעם פּריץ דיענען מיט אַ שטוהל?

קאַספּער: יאָ, מיט פערגעניגען. איך דאַנק אײַך זעהר, הער [קוקט זיך אַרום] וואָס טהוט דאָ דער יוד? אַ פּראַצענטניק, אַ ליכוויאַרזש, ער איז געקומען פיהרען זײַנע געשעפטען נאָך דעם היגעדיגענם טויט, ווײַל ער האָט זיי ניט געדראָנ־זשעט צו דערפיהרען בײַ דעם לעבען זײַנעם?

אנאפּחי: ניין, פּריץ, דאָס איז אַ שנײַדער. פאַר דער אָבראַניע פון מײַן שוואָגער דאַרף איך איהם בעצאָהלען [צו יוסף'ן]: איך בעצאָהל דיר שוין.

יוסף: זעהר אַנגענעם . . .

קאַספּער: וויפיעל קומט דיר, יוד?

יוסף: בײַ דיר — גאָרנישט.

קאַספּער: וויפיעל קומט דיר, פרעגט מען דיך?

יוסף: איך האָב מיט דיר גאָרנישט געהאַנדעלט.

אנאפּחי: „זשידקו“, זײַ שוין שטילער.

**יוסף** : פאַר וועמען?

**קאַספּער** : וואָן, אַרויס פון ראַנעץ!

**יוסף** : פאַר וועמען?

**קאַספּער** : וואָס האָט דאָ דער יוד צו טהון? [האַפּט אַרויס געלד פון אַ פּאָרטמאָנע, וויל איהם געבען אַ וואָרף אַנידער אויפ'ן טיש].

**יוסף** : ס'איז אומזיסט. איך האָב ביי דיר גאָרנישט גענומען. איך וויל דיין געלד נישט אָנריהרען.

**קאַספּער** : צו איז דאָס אַ געהערטע זאַך, איך וועל דיך אַזוי אַרויס וואַרפען!

**יוסף** : קשיאָנדזשע, בעצאָהל מיר, וויפיל מיר קומט.

**אנאַפּחי** : נו, נאַ דיר, נאַ דיר [האַפּט אין דער געשווינד אַרויס פון דער בוזים-קעשענע, הויבט אָן צו וויקלען פון צווישען אַ סך פּאַפּירען אַרויס לעגט איהם אַנידער צוויי צעהנער רובלעס. קאַספּער טרעט צוריק אָב מיט זיין פּאָרטמאָנע].

**יוסף** [נעהמט דאָס געלד, וואָס דער גלח לעגט אַנידער]: ערשט געה איך אַליין. דאָס איז נישט ביי דיר אויפ'ן הויף, וואָס דו האָסט מיך געטראַכט אַרויסצוואַרפען, ווי פראַנצישיסקאַ'ן. דו, דו האָסט עס געטהון. און ווי יענע צוויי יודען, וועלכע דו האָסט חושד געווען, אַז זיי האָבען מיט פראַנצישיסקאַ'ן אָבגעהאַנדעלט, אויף איבערצוגעבען מעהר, וויפיל די וואָג איז.

**קאַספּער** : וואָס פּלעטשעט עפּעס דער יוד?

**אנאַפּחי** : „זשידקו", געה שוין, דו האָסט שוין געקראָגען דיין געלד.

**יוסף** : איך געה שוין. נור אויף מיין אָרט וועסטו באַלד האָבען אַנדערע צוויי [געהט אַרויס פון שטוב דורך דער דרויסענדיגער טהיר].

**קאַספּער** : ציו דו הערסט, הער „קשיאָנדז" חאָטש, ווי יודעלעך בעלעדיגען אונז?

**אנאַפּחי** : וואָס זאָל מען מיט זיי טהון. די „קריסטוס-פּייניגער" זענען איינמאָל פערשאָלטען געוואָרען פון גאָט, טאָ מוזען זיי שוין אַזוי פערבלייבען אַ פערשאָלטענע באַנדע. און זייער גע-

גענוואַרט קען נישט עפּעס אַנדערש, ווי נור צוריַיצונג ברענגען דעם ערליכֿען מענשען.

**קאַספּער** : ניין, איך האַלט שוין דאָס נישט אויס. דו האָסט געהערט, וואָס דער יוד האָט דאָ געזאָגט; אַזוי ווי איך וואָלט פֿראַנצישיסקאַ'ן עפּעס שלעכֿטס געטהון כל זמן ער האָט גע־דיענט ביַי מיר; און דערנאָך, ווען ער האָט זיך אַליין אָבגעזאָגט פֿון זיַין דיענסט, האָב איך דאָך איהם שוין אַוודאי נישט געקענט קיין שלעכֿטס טהון.

**אַנאַפּחי** : אָבער וואָס, פּריץ, האָסטו צו זאָרגען, וועגען דעם, וואָס אַ יוד האָט דיר געזאָגט; צו אַן ערליכֿער קריסט איז דען מחויב צו גלויבען?

**קאַספּער** : דו האָסט אָבער נישט געהערט, הער „קשיאַנדזשע״, ווי אַזוי, מיט וועלכֿער איבערציַיגונגס קראַפֿט ער האָט דאָס געזאָגט.

**אַנאַפּחי** : נאַ דיר, זעהסטו, איבערציַיגונג־קראַפֿט; אַ יוד און איבער־ציַיגונגס־קראַפֿט! נור אַ מעהר, פּריץ, נאָך וואָס זאָלען מיר גאָר שמועסען פֿון דער באַנדע אַרומשלעפּערס. ציי האָבען מיר שוין מעהר וועגען קיין וויכֿטיגערע זאַכֿען נישט צו שמועסען; טאַקי וועגען דער, וועלכֿער איך האָב עקסטרע געלאָזט בעטען דעם פּריץ, אַז דו זאָלסט דיך אָהער מטריח זיַין. איהר ווילט וויסען וועגען וואָס?

**קאַספּער** : מיט דעם גרעסטען פֿערגעניגען. איך האָף דעם הער „קשיאַנדז״ צו דיענען מיט וואָס נור איך וועל קענען, אויב איהר האָט מיר וועגען עפּעס ערנליכֿעס צו זאָגען.

**אַנאַפּחי** : [קוקט זיך אום צו דער טהיר פֿון צווייטען צימער, און לעהנט זיך צו] אַזוי איז עס! מיַין שוועסטער מיט איהרע קינדער וויַיסט איהר אין וועלכֿען שטאַנד זיַי זענען אַצינד געבליבען.

**קאַספּער** : פֿערשטעהט זיך.

**אַנאַפּחי** : און ס'איז ביַי מיר נישטאָ קיין אַנדערע הילף פֿאַר זיַיערט וועגען, ווי צונויף צו בעטען עטליכֿע חשובים, די וואָס

קענען האבען דערבארמדיגקייט איבער אנ'עלענדע מוטער מיט פינף קליינע יתומים, אז זיי זאלען אבקלערען אנ'עצה, ווי אזוי מען זאל זיי קענען עפעס פערזארגען, אז זיי זאלען נישט דארפען קומען צו שאנד, נאך דעם, ווי זייער פאטער איז געשטארבען.

קאספער : נו, איך בין דער ערשטער, וואס שטעה אייך צו הילף אין דעם שענעם טהאט, געעהרטער „קשיאנדז״.

אנאפחי : אט צו דעם צוועק טאקי האב איך אייך געלאזט בעטען דעם ערשטען צו דעם איבערשמועסען זיך, האפענדיג, אז אייער עקסעלענץ וועט אזוי נישט פערביי לאזען א געלע-גענהייט פון וואהלטעטיגקייט.

קאספער : אך, זעהר מיר אנגענעם צו העלפען עלענדע מענשען; און צו זאמען אויך א גרויסער שאד, וואס זייער שיקזאל האט זיי געבראכט צו אזא שטופע. נור וואס זאל מען טהון? איך בין דער ערשטער, וואס קען אייך שטעהן צו הילף.

אנאפחי : מיין העכסטען דאנק פאר אייער מענשליכער גוטסקייט און הארציג-מיטגעפיהל דעם געפאלענעם.

קאספער : נישטא פארוואס. דאס פאדערט אייגענטליך די מאראל פון יעדען עהרליכען קריסט.

אנאפחי : [פרום אבזיפצענדיג] אבער דאך נישט יעדער האט דאס הארץ דערפאר. און מיר דארפען מיט גרויס דאנקבארקייט אבצאהלען די מענשען, וואס האבען עס יא.

קאספער : ם...

אנאפחי : און ווייטער קען איך אייך מיטטיילען, אז צו דעם זעלבען צוועק טאקי האב איך שוין געשיקט איינלאדען נאך א שכן, דעם אלטען „אניעליטש״, חעלכער וועט, ווי איך האף, זיך אויך נישט אבזאגען צו זיין ביי אונזער אבקלערונג וועגען די דאזיגע ארימע שוואלבען.

**קאספער** : אָ, געווים נישט.

**אנאפחי** : איז אַלזאָ שוין בעשלאָסען אונזער שריט?

**קאספער** : פון מיין זייט, מיט מיין גאַנצער לייב און זעלע. איך בלייב שוין דאָ אַלזאָ וואַרטען, אויב דאָס האָט צו זיין אַצינד.

**אנאפחי** : נעווים אַצינד, און נאָך איידער דער זעליגער ווערט פון שטוב אַרויסגענומען. זאָלען מיר שוין וויסען דעם רעזול־טאַט מיט זיינע יתומים און נאַכהער לאַדען מיר אונזערע געעהרטע גוטע געסט צום „פאָגזשעב“.

**קאספער** : צו רעכענט דער הער „קשיאָנדז“ די „אַניעלטשיקס“ זיהן אויך איינצולאַדען?

**אנאפחי** : צו וויל עס דער פריץ דורך אוים האָבען?

**קאספער** : אין גענצענטייל. איך האָב זיי נישט ליעב און אויסער דעם, ווי קומען זיי צו אונז. זיי זענען יונגע. „סמאַרקאַטשעס“.

**אנאפחי** : זיי זשע וויסען, פריץ, אַז איך האָב שוין אַזוי געטהון. דעם יונגער'ן זוהן „אניעליטשס“ האָב איך שוין געזאָגט, אַז ער איז צו יונג פאַר אַ זיצונג, און ער איז שוין אַוועק בעליידיגט.

**קאספער** : זעהר גלייך, זעהר גלייך.

**אנאפחי** : עס וואָלט אפשר אויך געווען צו דער זאַך, מיר זאָלען שיקען איינלאַדען די נעעהרטע פריצה, אייער גנעדיגע פרוי, צו דעם „פאָגזשעב“. און אין איינוועגס זאָל זי אונז בעעהרען מיט אַנטייל נעהמען אין אונזער זיצונג, וואָס חעט אויך זיין פון איהר זייט אַ לעצטען כבוד אָבגעגעבען דעם פערשטאָרבענעם.

**קאספער** : אַך, זיין פלוצלינגער טויט האָט זיך צו אונז אין שטוב אַריינגעריסען, ווי אַ שרעקליכער בליץ, און מיין פרוי איז שרעקליך קראַנק געוואָרען איבערדעם און ליעגט צו בעט.

אנאפּחי : עס טהוט מיר שטאַרק לייד, אייער גנעדיגע פרוי נעבּעך,

קאספּער : נו וואָס זאָל מען טהון — מען זאָגט חאָטש אַ מענש — איך מיין דער געשטאָרבּענער נעבעך — מען זאָגט חאָטש ער איז געווען פער'מיאוס'ט אין שטוב ביי אונז. אלע דאָס געזונד, דאָס לעבען פאַר איהם, און אין דעם טאָג ווען ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין שטעלע איז זי מאָמענטאַל חלשות געבליבען.

אנאפּחי : אַך, אַך, אַך.

[פּויזע].

[עס מאַכט זיך אויף די דרויסען-טהיר און צוויי יודען תבואה-סוחרים קומען אַריינצוגעהן].

אדם : איך בעט אייך איבער; צי דאָ איז פראַנצשיסקאַ'ס, דעם געשטאָרבענעמ'ס הויז?

משה : אָט אָ דאָ, דאָ איז עס! אָט איז טאַקי דער פריץ אויך.

קאספּער : [צום גלח] ווער זענען זיי?

אנאפּחי : איך קען זיי אויך נישט. יודען, וואָס האָט איהר געוואָלט!

אדם : [אויף קאַספּער'ן] צו דעם הער.

קאספּער : צו מיר? וועגען וואָס?

משה : מוז זיין, אַז דער פריץ דערקענט אונז נישט.

קאספּער : ניין, איך קען אייך נישט.

אדם : און איך מיין אויך אַזוי, אַז דו קענסט אונז נאָך נישט... ווילסטו אונז הייסט עס דערקענען?

קאספּער : איך אייך — אינגאַנצען נישט אָנקוקען, האָב איך אייך שוין איינמאָל געזאָגט.

משה : הייסט עס, אַז דו קענסט אונז שוין יאָ?

אדם : און דעריבּער טאַקי ווייל דו ווילסט אונז נישט אָנקוקען זענען מיר ערשט געקומען צו דיר; אַצינד איז אונזער גינסטיגע צייט

קאספער : אַרויס פון דאַנען, יודען. וואָן!

אדם : דו שטעהסט אַצינד אויף אַ פרעמדען הויף.

משה : געַנוג האָסטו אונז פון דיין הויף אַרויסגעטריבען — אַצינד זענען מיר געקומען דיך אַהער אָבזוכען. פריץ, אָהן שום לאַנגע טענות; גיב אונז אַרויס אונזער געלד. דער האַגרעל האָט נישט געטויגט, האָסט נישט געהייסען אונז די תבואת אַרויסגעבען — גיב אונז אַהער אונזער געלד, אַ סוף. זאָלען מיר דאָ נישט שטעהען.

קאספער : צו דערויף האָב איך דען נישט אָרט ביי מיר אין דערהיים?

אדם : פערשאָלטען זאָל דער טריט ווערען, וואָס וועט צו דיר אויפ'ן הויף אַרויפטרעטען. געַנוג פאַר אונז מיט דיר מסחרים צו פיהרען.

משה : גיב אונז אונזער געלד [קאַספער בלייבט שטיל אין גרויס פער-לעגענהייט].

אנאפחי : יודען, דאָרט ליגט אַ מענש אין צווייטען חדר, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אויך געלעבט. און איבער וועלכעס, מיר, לעבעדיגע, רייסען זיך ערשט און צאַנקען, האָט עס שוין ביי איהם אַ גאַנץ נאַרישליכען אויסזעהען. דאָס איינ-ציגע פון אַלע זיינע ציעלען איז שוין ערשט נור די הי-מעלס-רוה, וואָס מוז קומען פאַר יעדען מענש צו ענדע פון זיין אָנ'כלאָפּאָטשען זיך טאָג מיט נאַכט. איבר דעם פערלאַנג איך פון אייך, יודען, און בעפעהל אייך שטרענג: אויב איהר האָט ניט קיין אַכטונג צום לעבען — חאָטש צום טויט. פאַר'ן טויטען זאָלט איהר שטיל און רוהיג זיין.

קאספער : וואָס האָבען זיי געוואָלט פון מיר, די יודען.

אדם און משה : פריץ, קיין איין מינוט וועלען מיר דאָ נישט אויסבראַ-נגען אויף שטעהען און פאַטשקען זיך מיט דיר. אַ סוף, גיב אונז אַהער אונזער געלד.

אנאפחי : נו, איך פערשטעה נישט, וואָלט ער אייך צוגענומען אייער געלד?

**אדם** : הער, „פאַני קשיאָנדזשע״, מיר האָבען בײַ איהם געקויפט הונדערט און פונפציג קערץ קאָר׳ן מיט ווײַץ. ווי שטענדיג זענען מיר געקומען אָבנעהמען די סחורה. ערשט ער גיט נישט. די סחורה איז אַרעסטירט, זאָגט ער, איך הײס זי צוריק אויסשיטען, האָטש זי איז שוין געווען אָבגעמאָגען . און קײן געלד, זאָגט ער, גיב איך אײַך אויך נישט צוריק. ס׳טײַטש , פאַר וואָס , פאַר ווען ? פרעגען מיר . „אַרויס וואָן !״ האָט ער אַ געשרײַ געטהון און געהײסען אונז אַרויסוואַרפען פון די „פּאַראָבקעס״, פון יענע גראָבע פויערישע לאַפּעס . ערשט אַז מיר פרעגען זיך נאָך , פאַר וואָס איז דאָס פלוצלינג אַזוי געשעהען ? ווערען מיר געוואָהר , אַז ער האָט קאָנטראָלירט די שוין אָבגעוואויגענע סחורה און אײַנגעפונען , אַז עס איז דאָ פיערציג פוד איבער דער וואָג, לויט ווי עס איז פערשריבען געוואָרען פון בוכהאַלטער. פרעגען מיר אָבער ערשט : וואו זענען די זעק , וואָס פאַר די זעק דאַרף צוריקגעהן צו אַכט, אָדער נײַן פונט פון אַ זאַק ?

**קאספער** : האַ ? פון די זעק ? די זעק זענען נישט געוואָרען אַראָבגערעכענט דורך מיר ?

**אדם** : אָט אָ דאָ ליגט דער הונט בעגראָבען. און איך וואָלט נישט געוואָלט שווערען, אַז איבערדעם האָסטו דעם מענש דײַנעם אָבגעזאָגט פון דער שטעלע און דערסיט איהם צוברעכען זײַן יונג לעבען!

**קאספער** : שוין גענוג גערעדט, יוד, שוין גענוג. אָט קריגסטו שוין צוריק דײַן געלד.

**משה** : אָבער דו גיבסט עס שוין צוריק ? הײַסט עס, דו ביזט מודה, אַז דו האָסט אומזיסט חושר געווען מענשען ? נור גיב אַהער אונזער געלד.

**קאספער** : אַ קוויט. בײַ מיר האָב איך קײן געלד נישט.

**משה** : גוט, זאָל זײַן אַ קוויט.

**אדם**: גיב אונז אַ קוויט.

**קאַספּער**: [האַפּט געשווינד אַרויס פון קעשענע אַ נאָטיץ־ביכעל] זעקס הונדערט רובל געלד האָב איך גענומען. הער קשיאָנדז — צו האָסטו דאָ נישט טינט און פעדער מיט פּאַפּיר. [דער גלח ברענגט איהם צו טינט און פעדער מיט פּאַפּיר, ער שרייבט אָן אַ קוויט]: נאַט אײַך, יודען, און געהט.

**משה**: מיר פערלאַנגען נישט מעהר ווי אונזער געלד, געהאַנדעלט וועט שוין פאַר אונז אויך זײַן גענוג מיט דיר.

**אדם**: [אַרײַנלעגענדיג דעם קוויט אין קעשענע] פּריץ, אין צוויי טעג אַרום, אַז עס וועט נישט זײַן אויסגעצאָהלט, זעהען מיר זיך בײַ דעם גרינעם טיש.

**קאַספּער**: גוט, גוט, יודען. איך ווייס, איהר זענט יודען, נור געהט.

**אדם**: יודען זענען מיר טאַקי, און געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט אונז קיין גוים נישט בעשאַפען. אַ גוטען טאָג!

**אנאַפּחי**: אַ גוט יאָהר. [די יודען געהען אַרויס].

**קאַספּער**: [זיפצט אָב] אַך צו וועמען אונזער פּוילישער האַנדעל איז אַרײַנגעפאַלען אין דער האַנד אַרײַן.

**אנאַפּחי**: נו!, פּריץ, פרעג איך דיך, דאַרפסטו האָבען מיט אַ זעלכע לײַט צו טהון. אדרבה, דו ביזט דאָך עפּעס נישט קיין ליאַדע פּריץ'ל; צו וואָס האָט עס דיר געטויגט, אַז אַ זעלכע „זשידקעס" זאָלען דיר האָבען נאָכצוקריכען; מען האַנדעלט באַלד נישט מיט זיי.

**קאַספּער**: אָבער וואָס טהוט מען פאָרט. עס איז דאָך פאָרט ענג זיך אַ דרעה אויס צו טהון; אַז דער גאַנצער פּוילישער האַנדעל איז אַרײַנגעפאַלען צו זיי אין דער האַנד אַרײַן. און וואו דו ווענדסט דיך נור געבען אַ דרעה אויס מוזטו זיך אָנשלאָגען אָן זיי, אָט אָן די יודישע הענדלער. עס האָלט שוין לאַנג צײַט געווען, אַז פּוילען זאָל אויסגעלײַזט ווערען פון אַלע זײַנע פײַנד.

**אנאַפּחי**: [זיפצענדיג] בעשירם, גאָט, אונזער לאַנד פון אַלע זײַנע פײַנד.

**קאספער** : אוי פײַנד, אוי פײַנד! דו האָסט געהערט אויף מיר אַ שקר בילבול. הער קשאָנדז, אַז איך האָב אָבגעזאָגט פראַנצישיסקאַ׳ן פון דער שטעלע, נישט ער אַליין האָט זיך אָבגעזאָגט.

**אנאפּחי** : נו, יאָ. וואָס קען מען מיט זיי מאַכען?

**קאספער** : נור, אַז עס איז אַנדערש, דאָס קען דאָך קיין יוד נישט פערשטעהן. ווי קומט עס צו אַ יוד צו וויסען, אַז אַמאָל דורך אַמביציע, אָדער „האָנאָר", וואָס אַ „שלאַכטשיץ" פערמאָגט, קען ער זיך אָבזאָגען אַליין פון אַ שטעלע. פון וואַנען זאָלען זיי דאָס פערשטעהן.

**אנאפּחי** : יאָ — פון וואַנען? [געהט אויף און אָב איבער דער שטוב. קאַספּער זיצט אַ ווײַלע שטיל דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט]

[אַניעליטש אַן׳אַלטער מאַן מיט אַ קליין גרײַז-גרוי בערדעל אָנגעטהון אין אַ געל פיקסען פוטער מיט אַ גראָבען ים-שטאָק אין דער האַנד קומט אַרײַן צו געהן דורך דער טיר פון צווייטען צימער, נאָך איהם געהט אַנטאָני, זײַן זוהן, אין אַ וואַרימער קורטקע און שטיוועל מיט אַ פוטערען היטעל]

**אַניעליטש** : גוט מאָרגען, מײַנע הערען.

**אנפּאחי און קאַספּער** : [פערנייגען זיך פאַר איהם] גוט מאָרגען, גוט יאָהר.

[עס קומען אַרײַן הינטער דעם אַלטען און יונגען אַניעליטש נאָך צוויי שלאַכטשיצעס]

**אלטער אַניעליטש** : אָט די געעהרטע פּריצים האָב איך מיט אונז אײַנגעלאַדען, דערווײַסענדיג זיך, ווענען וואָס דאָ דאַרף זיך פערהאַנדלען. און איך האָף, אַז זיי וועלען אונז מיטהעלפען אין אונזער אויפגאַבע [גיבען זיך די הענד, אויסער אַן אַנטאָני, וואָס האַלט זיך פון דערווײַטענס]

**אנאפּחי** : זיצט, מײַנע געעהרטע לײַט [רוקט פונאַנדער שטוהלען אַרום טיש, אַלע פערנעהמען פּלעצער אויסער אַנטאָני און אַנאַפּחי מיט קאַספּער׳ן. די לעצטע צוויי געהען אָב אין אַ זײַט, אין אַ ווינקעל פון דער שטוב]

**קאַספּער** : [צו אַנאַפּחי מיט אַ שטילען אײַנגעהאַלטענעם טאָן] צי, געעהרטער

„קשיאָנדז״, האָט דאָ געמוזט דער יונגער אַניעליטש אויך זיין

**אנאפּחי** : נו, וואָס זאָל מען טהון, אייער עקסעלענץ. איך האָב אודאי געוואָלט זעהען דאָס אויסמיידען, מיינענדיג, אַז מיט דעם, וואָס איך וועל אָבזאָגען איין יונגערען ברודער פון אַנטייל נעהמען, וועל איך שוין פאַר איהם אויך יוצא זיין און צום סוף איז ער יאָ געקומען גאָר אָהן מיין שולד. אָבער צי קען מען דען אַצינד בעליידיגען דעם אַלטען אַניעליטש, דאַדורך, וואָס מען וועט אָבזאָגען זיין זוהן?

**קאספּער** : דאָס געוויס נישט.

**אנאפּחי** : דאָס וואָלט געשמעקט מיט דער גאַנצער זיצונג פונאַנדער־לאָזען. און איהר פערלאַנגט נישט ס'זאָל זיין, אַז מיין שוועסטערס אָרימע שוואַלבען זאָלען בלייבען אָהן אַ וואָס פאַר אַ ס'איז השגחה פון גוטע מענשען.

**קאספּער** : אָה, דאָס געוויס נישט.

**אנאפּחי** : נו טאָ קומט זשע, געעהרטער העַר צום טיש [ביידע געהען צו פערנעהמען זייערע פלעצער ביים טיש]

**אלטער אניעליטש** : אַנטאָני, און וואָס דרעהסטו זיך אַרום?

**אניעליטש** : איך האָב מעהר גאָרנישט וואָס צו טהון.

**אנאפּחי** : פילייכט ווילט איהר, יונגער העַר, זיך בעטייליגען אין אונזער ראַטה.

**אניעליטש** : ניין, מיין העַר. דאָס איינציגע, וואָס איך האָב געקענט טהון, איז שוין אָבגעשטאָרבען גלייך מיט פראַנצשיסקאַ'ן. זאָרגען פאַר איהם שוין נאָך זיין טויט פערלאָז איך מיך אויף אייך, געעהרטע הערען.

**קאספּער** : [צו אַנאַפּחי'ן] צי האָב איך דען נישט געזאָגט, הער „קשיאָנדז״?

**אלטער אניעליטש** : אַז וואָס?

**אנאפּחי** : אַז גאָרנישט, העַר אַניעליטש. אַז יונגע לייט האָבען זיך שוין שטענדיג זייערע קאַפּריזען, און ער וועט זיך נישט וועלען בעטייליגען. און געוויס — אין אונזערע יאָהרען, מיט אונזערע אַ דורכלעבונגען וועלען זיי זיך נעהמען צו

וואהלטהעטינקייט. נישט׳קשה זיי האבען נאך צייט.

קאספער: נו, מיינע הערען, צו דער זאך: מיר אלע זעגען דא אהער איינגעלאדען געווארען, צו נעהמען אויף זיך די השגחה איבער די עלענדע קינדער מיט דער פרוי פון דעם ערשט פערשטארבענעם. געוויס וואלט געווען בעסער, ווען דער טויטער וואלט געלעבט און זיי זאלען נישט דארפען אנקומען צו מענשליכער רחמנות, נור צום שלעכטען גורל פון די דאזיגע קינדער און צום בעדויערן נעבעך דער יונגער פרוי, אז זייער מאן, פאטער און בעשיצער איז געשטארבען, מוזען מיר אלס ארענטליכע מענשען און גוטע שכנים פערפליכטען זיך, נישט צו פערהוילען אונזערע אויגען פון דעם געשעהעניש, וואס דא איז געשעהען. מיט דעם, וואס מיר וועלען אונטערהעלפען די קינדערלעך מיט דער מוטער מיט וואס יעדער פון אונז קען און איז אין שטאנד. איבער דעם לעג איך פאר: ערשטענס, מיין פראיעקט: אז מיר זאלען לאזען די פרוי מיט די קינדערלעך אויף דעם זעלבען ארט, אין דעם זעלבען שטאנד, און מיר זאלען איהר נור איינצאהלען וואכען=געלד, אז זי זאל האבען אויף וואס זי דארף, ביז וואנען זי וועט נישט נעהמען קיין אנדערן מאן. צו דעם צוועק טאקי גיב איך איהר שוין אוועק די הינעגדיגע דירות, ביז דאמאלס, אויסער, וואס איך וועל מיך נאך פערפליכטען א טייל וואכען=געלד צו געבען פאר איהר. אויסער דעם פראיעקט איז פערהאנען נאך איינער. און דאס איז שוין דעם געעהרטען „קשיאנדז׳ס״, אונזער געעהרטען פריינד׳ס. זיין פראיעקט איז, אז מיר זאלען די קינדער נעהמען צו זיך אין הויז, דאס זעלבע אויך מיט דער פרוי. און די קינדער זאל זיך יעדער פון אונז פערפליכטען צו געבען א גוטע ערציהונג — און דאס וואלט אפשר געוועזען גארנישט קיין קליינע מעלה צו דעם פראיעקט. לעג איך איך פאר, מיינע געעהרטע חברים; קלויבט אויס איינעם פון די ביידע פראיעקטען. הער אניעליטש, אונזער געעהרטער חבר, זאל

אַרויסזאָגען זײַן מײַנונג אַלס עלטסטער און במילא אויך אַלס ערשטער פון אונזער פערזאַמלונג.

אניעליטש : צי אין דעם צווייטען פּראָיעקט, לויט וועלכען עס דאַרפען אײַנגעטײַלט ווערען צווישען אונז מיטגלידער די קינדער און דאָס זעלבע אויך די פרוי, זאָל זיך יעדער פון אונז אויסקלייבען וואָס און וועמען ער וויל.

אלע : פערשטעהט זיך, פערשטעהט זיך.

אניעליטש : בין איך פאַר דעם צווייטען פאָרשלאַג: אום די קינדער זאָלען גענייסען אַ בעסערע ערציהונג און גענוגע בילדונג.

קאספּער : צי איהר אַלע מיטגלידער און געעהרטע חברים זענט אײַנשטימיג דערויף, וואָס אונזער געעהרטער חבר נעהמט אָן.

אלע : מיר זענען אַלע אײַנשטימיג דערויף, אַז די קינדער זאָלען צוטײַלט ווערען, און דאָס זעלבע אויך די פרוי.

קאספּער : אַלזאָ עס איז פערהאַנען; וויפיעל קינדער?

אנאַפּחי : פינף. אײַנע שוין כמעט אַ דערוואַקסענע, דאָס עלטסטע מײַדעל, צווייִ יונגליך און נאָך צוויי מײַדלעך. די אַלע פיער—קלײַנע קינדער.

קאספּער : אַלזאָ, מײַנע ליעבע העררען, קלויבט אײַך אויס יעדער וועמען אײַער האַרץ בעוויליגט.

איין שליאכטשיץ : נור דאָ בלײַבט נאָך אָבער איבער אײַן קלײַנע קוועסטיע. די גאַנצע צאָהל פון די וואָס דאַרפען פונאַנדערגעטײַלט ווערען—איז זעקס שוין מיט דער מוטער אויך. אונזערע, צום איבערנעהמען זײַ צו זיך, זענען מיר נאָר פינף, שוין רעכענענדיג אפילו דעם הער קשיאָנדז אויך אַלס אײַנעם פון די אַפּיטרופּסים.

צווייטער שליאכטשיץ : אמת.

קאספּער : טאָ וואָס זשע וועט זײַן?

אלטער אניעליטש. איך נעהם די מוטער פון די קינדער.

ביידע שלאכטעס : דאָס הײַסט די פרוי?

**אניעליטש:** יאָ.

**שליאַכטעס** און צו ענדערע אויך קאַספער: אָבער ווי אַזוי טהיילט מען זיך מיט דער אַלגעמיינער צאָהל איין, אַז זיי זענען זעקס און מיר זענען נישט מעהר, ווי פינף.

**איין שליאַכטשיץ:** די פרוי וואָלט איך אויך גענומען.

**צווייטער שליאַכטשיץ:** עס איז נישט קיין גרויסער אונטערשייד. איך וואָלט זי אויך גענומען.

**אַנאַפּחי:** עס איז דאָ נאָך אַ פּלאַן: מיר האָבען אַ מוהמע, אַ רייכע פרוי און גרויס לויט איהר שטאַנד פון דעם מאַנס זייט. אַ מאָל האָט זי געענדיגט אַ פענסיאָנאַט און האָט אַנ׳אַטעס־טאַט אויף אַ פרויען־קינדער־שולע, וועלכען זי האָט נאָך קיינמאָל נישט בענוצט, ווייל עס פּאַסט איהר נישט לויט איהר שטאַנד, ווי איך האָב שוין געזאָגט, און זי נויטיגט זיך נישט אויך אין דעם. אַלזאָ איז ביי דער געלעגענהייט דעם אַטעסטאַט יאָ שוין אויסצונוצען. יענע פרוי וועט אויפמאַכען אַ שולע אין דער זעלבער גרויסער שטאָדט, וואו זי וואוינט, אָפיציעל אויף יענער׳ס נאָמען, נור פּאַק־טיש וועט חעלענע מיין שוועסטער פיהרען די שולע, לערנען מיט די קינדער, און אין איינוועגס האָבען איהר אָנהאַל־טעניש, ביז וואַנען זי וועט זיך געפינען אַ מאַן.

**אניעליטש:** טאָ וואָס זשע וועט זיין? הייסט דאָס, אַז די פרוי נעהמט שוין אַרויס פון דער צאָהל, מיט וועלכער מיר דאַרפען זיך איינטיילען?

**אַנאַפּחי:** און כדי די צאָהל, וואָס מיר דאַרפען צווישען זיך צוטהיי־לען, זאָל שטימען אויף אַ גלייכע צוטהיילונג צווישען אונז.

**אניעליטש:** עה, דאָס וואָלט שוין געהייסען נור אַ האַלבע אַרבייט, נעהן אָבשאַפען די פרוי. צו טהון נור אַ האַלבע וואָהל־טעטיגקייט, צו וועלכער איך קען מיך קיינמאָל נישט ענטשליסען.

**איין שליאַכטשיץ:** געוויס נישט, געוויס נישט

צוויטער שליאַכטשיץ: די פרוי דאַרף נישט אַרויסגעהן פון דער אַלגעמיינער צאָהל. זי וועט צווישען אונז איהר פּלאַץ געפינען.

אלע: געוויס, געוויס. די פרוי טאָר נישט אויסגעטיילט ווערען.

אנאַפּחי: און בלייבען זאָל ליעבערשט איין קינד אויסען? [שטיל, קיינער ענטפערט נישט] בערעכענט, ליעבע הערען, די פרוי קען יאָ אַנ'אָרט און איהר לעבענסמיטעל געפינען, אפילו ווערענדיג אויסגעשלאָסען פון דער צאָהל — און דאָס קינד, אויף וועלכעס עס זאָל נישט אויסקומען, קען שוין ביי קיין אופן קיין אָרט נישט געפינען און מוז שוין בלייבען אונטער'ן אָפענעם הימעל. [קיינער ענטפערט נישט].

אנאַפּחי: אַלזאָ, קענט איהר אויף קיין פאַל נישט איינגעהן דערויף, אַז די מוטער זאָל ווערען אויסגעשלאָסען אַנשטאָט אַ קינד.

אלע: ניין.

אנאַפּחי: טאָ מוז אָנגענומען ווערען דער ערשטער פּראָיעקט, לויט וועלכען זיי אַלע זאָלען בלייבען צוזאַמען און נישט גערירט פון אָרט.

קאספער: איך שטיץ איהם אונטער.

אלטער אניעליטש: מיינע ליעבע הערען. איך בעט אייך, מאַכט נישט קיין האַלבע אַרבייטען. אויב מיר ווילען זיי אַזוי שטיצען, אַלע זאָלען זיין צוזאַמען — ווילען מיר נאָך פונדעסטוועגען נישט געבען אַזוי פיעל, אַז עס זאָל זיין קינדער צו שיקען אין שולעס אַריין, און דער מוטער אַ בעקוועמע מעגליכקייט צום לעבען. פאָלגט זשע מיך און זאָלען מיר זיך צוטהיילען מיט די קינדער און דער מוטער. איך נעהם איהר צו מיר און אויב איהר ווילט מיר פסק'ענען, אַז איך זאָל נעהמען אַ קינד אויך, כדי עס זאָל שוין זיין פאַר אַלע פּלעצער — מוז איך, האָטש די פערפּליכטונג וועט שוין זיין אַ צו גרויסע. נו, וואָס זאָגט איהר מיינע הערען. איהר בעשטעהט דערויף? [שטיל, קיינער ענטפערט

Juv. 1084.



ניִשט]. טאָ זאָגט זשע מיִר, וואָס קייִנער ענטפערט ניִשט
— ניִשט אַזוי און ניִשט אַזוי!

**אַניוטא** : [קומט אַריין צו גיין פון דער צווייטער שטוב, בלייבט שטיין הינטער דער פּאָרטיערע פון איבער דער טיר, מיִט אַ טרויער-קראַנץ אין דער האַנט]

**קאַספּער** : ווער האָט דיך געשיקט?

**אַניוטא** : די מאַדאַם. איך זאָל לייגן דעם טרויער-קראַנץ אויף דער טרומנע בשעת דעם אַרויספיִהרען זי פון שטוב, און נאָכ-הער אויפ'ן גרוב.

**קאַספּער** : ריכטיג. מיין פרוי קען אַליין ניִשט קומען, זי איז קראַנק.

**חעלענע** : [קומט אַריין צו גיין] ליבע הערען. דער עולם איז זיך שוין צונויפגעקומען, אַלע וואַרטען אין דרויסען און דאָ אין די שטובען, אַז מען זאָל שוין גיין מיִט דעם „פּאָגושעב״ [דערזעהט קאַספּער'ן, טהוט אַ העפטיגען געשריי אַרויס] אוי! [בלייבט איינגעקאָרטשעט, וויל אָנהייבען צו ספּאַזמירען]

**אַנאַפּחי** : [אַפּיר לויפענדיג צו איהר, פון אונטערן טיש] שוועסטער ליבע, וואָס איז דיר?

**חעלענע** : אוי, ווער עס איז אַלץ דאָ אַהער געקומען, נאָך וואָס אין נאָך ווען, ווער האָט זיי געדאַרפט?

**אַנאַפּחי** : שטילער, שטילער, וואָרען איך וועל ענטלויפען פון דיר און קיין שום מענש קוקט זיך מעהר ניִשט אום אויף דיר,

**אַנטאַני** : [וואָס שטעהט די גאַנצע צייט אָן אַ זייט] שטילער, שטילער, פרוי חעלענטשי, וואָרען דאָ זיצען דיינע וואָהלטעטער. זיי בעזאָרגען דאָך אייך ערשט. פאַר אייערטוועגען און אייער ליבע עלטערע טאָכטער וועט שוין זיכער זיך געפינען אַן אָרט. אייער טאָכטער וועט אַודאי צונעהמען אייער ברודער, דער הער קשיאָנדז. איך מיין, אַז זי וועט איהם זיין אַ דערקוויקונג אויף זיינע אַלטע יאָהרען, און אייך וועט אַודאי צונעהמען איך אַזאַ נאָל שטייגער אַלטער מאַן. עס וועט דאָך אייך שוין גאָרנישט פעהלען.

נור זעהט איהר, מיט די איבריגע קינדער איז ש׳עכט — עס איז נישט דא שוין מעהר קיין פרויען, און אפילו קיין דערוואקסענע מיידלעך צווישען זיי.

**קאספער:** וואס איז דאס פאר א פערשייטקייט צו שטערען אנ׳ארענטליכע פערזאמלונג טהון עפעס פאר אומגליקליכע מענשען? אנאפחי, איהר זענט פעראנטווארטליך פאר דער הינענדיגער שטילקייט און רוה.

**אנאפחי:** וואס איז דאס פאר א פערשייטקייט, הא? וואס איז דאס אין א פרעמדער שטוב אנצומאכען א גערויש. איך וועל מיך צורייסען אויף שטיקער, ווי באלד איהר בלייבט נאך דא הינען איין מינוט.

**אלטער אניעליטש:** געה ארויס פון דאנען, זאג איך דיר, ארויס געה, זאלען מיינע אויגען שוין נישט מעהר קוקען אויף דיר.

**אנטאני:** זאל פון דער גאנצער וועלט דאס אומגליק אויף אייערע קעפ פאלען, אויסער אויף מיין טאטען, וועלכען איך טאר נישט שעלטען, און וועלכער עס האט נאך חשק אויף זייגע עלטערע יאהר־ען און נאך זיין ווייבס טויט צו א יונגער שענע, שכנ׳טע. [געהט האסטיג ארויס דורך דער דרויסענדיגער טיר, אפענפראלענדיג זי, א מינוט בלייבט די פערזאמלונג מיט אראבגעלאזטע קעפ, אנאפחי פיהרט ארויס זיין שוועסטער אין דער צווייטער שטוב אריין. דערווייל הויבען זיך צו זאמלען מענשען אין דער אפענער טיר, פון דעם עולם, וואס שטעהט שוין אין דרויסען אוןווארט אייף דער לויה]

**אנאפחי:** [קומט צוריק אריין] נו, צו דער לויה. עס מוז שוין אצינד זיין די בעערדיגונג, ווארען דער גאנצער עולם ווארט שוין אויף איהר.

[אלע שטעהען אויף פון זייערע ערטער. עס שלאגט אריין א רויטער שוואכער שיין פון ברענענדיגע ליכט דורך דער פארטיערע פון דער צווייטער שטוב, מענשען וואס שטעהען אונטער דער דרויסענדיגער טיר הויבען אן אריינצוקומען. אין שטיבעל ווערט א ביסעל ענגליך.

אונטער דער טיר פון דרויסען בעווייזט זיך שוין פאלק אויך, שיקסעס און „פאראבקעס"]

**אנאפחי**: [אנגעטהון אין אבט-קאנטיגען קאפעל, קריכט ארויף אויף א שטוהל, גלייבט זיך אויס אנטקעגען עולם, אראבקוקענדיג צו דער טיר, וואו דער פראסטער עולם פאקט זיך] פון גארנישט האט גאט די גאנצע וועלט בעשאפען. און צו גארנישט מוז אויך די גאנצע וועלט אומקעהרען. נעכטען האט א מענש געלעבט און היינט מוז ער שוין געשטארבען זיין [דער עולם הויבט אן נאך מעהר זיך אריינצופאקען דורך די אפענע דרויסענדיגע טירען, איין שיגעץ גיט א שיקסע א שטופ, ארונטערוואַרפענדיג זי אונטער דער טיר, די שיקסע גיט א לייכטען קוויטש ארויס]

**דער המון**: שטילער, שטילער, שא! [עס ווערט א שטיל גערודער צווישען עולם]

**אנאפחי**: נעכטען איז דער מענש ארויסגעגאנגען געזונד און פריש פון שטוב און צייט צוויי מינוט, איידער מען האט נאך צייט געהאט אומצוקוקען זיך האט אונז שוין דאס ביטערע אומגליק געטראפען [עס מאכען זיך אויף די טירען פון דער צווייטער שטוב און פון אונטער דער פאטיערע פאקט מען זיך אריין מיט א שווארצער טרומנע, בעלעגט מיט קרענץ און וועקסענע ליכט, וואס ברענען אין די הענד פון די ארומיגע, וועלכע געהען איהר נאך, מען שטעלט דעם קאסטען אוועק אויף צוויי געבעטע שטוהלען, פאר דעם גלח'ס פנים. פון דעם עולם דערהערט זיך א שטיל געהעשטערי]

**אנאפחי**: זיין נשמה האט נישט געקענט געפינען קיין רוה אויף דער וועלט, וואו עס עקזיסטירט פאלשקייט און שקר און וואו דאס גאנצע לעבען איז נור איין אומגליק; און איז ראדורך אוועק אין דער מלוכה פון אייביגקייט, אין דעם הימלישען רייך, צו זוכען שיצונג אונטער דער גנעדיגקייט, וואס איז אומגעשפרייט ארום גאט. ווארען וואס איז דען דאס גאנצע לעבען — נישט מעהר, ווי א נארישער חלום! [דער עולם העשעט נאך שטארקער] און מען ווייסט גארנישט קיינמאל, וואס עס געהט נאך הינטער די פלייצעס. דאס גאנצע לעבען זיך געיאגט און געפלאגט — און פלוצלונג אין די מיטען יאהרען ווערט א מענש אבגעבראכען, ווי א

בוים פון שטארקען שטורם ווינד. און ווערט אנידער גע-
לעגט. און ארום איהם ליגען שוין אפולע פארלאגע מיט
קליינע קינדערלעך און שלאגען זיך שוין די קעפ אן דער
ערד. [א געקרעכצערייא און געחליפערייא פון עולם] האבען זיך
אבער דאך געפונען גוטע מענשען: דער הער קאספער צו
אלעם ערשט און דערנאך הער אניעליטש און וויטקאווסקי
און פיאסקאווסקי, וואס האבען געוואלט העלפען די עלענ-
דע יתומים, אז זיי זאלען נישט דארפען קיין נויט און קיין
הונגער ליידען. נאך דעם, ווי זייער גוטער, ליעבער פא-
טער איז אוועק געגאנגען פון דער וועלט אזוי געשווינד
און אזוי אומגעריכט פאר אונז אלע — האבען זיך אבער
געפונען מענשען שלעכטע אויך, וואס האבען געפונען פאר
נויטיג צו שטערען זייער גוטען צוועק צו וואהלטעטיגקייט.
צו אלעם ערשטען צוויי יודען, סוחרים, וואס האבען שוין
א לאנגע צייט געלאקערט און געשארפט די ציינער אויף
אונזער גוטהערציגען גוט-בעזיצער, דעם הער קאספער,
וועלכען זיי האבען אויף קיין אנדער ארט נישט געקענט
טרעפען אין אזא גוטער געלעגענהייט ארוים צו רייסען ביי
איהם געלד, ווי דא הינען, ווייל דא ליגט דער טויטער
און דא טאר נישט געשטערט ווערען די הייליגע רוה
פון דעם טויטען. און ער וועט זיי מוזען נאך-געבען, וואס
זיי וועלען פערלאנגען. נאכהער האבען נאך אנדערע גע-
שטערט, וועלכע איך וויל נישט זייער נאמען דערמאנען,
און אזוי ביז פון אונזער גוטער פערזאמלונג איז גארנישט
געווארען. דאך האף איך, אז עס וועט נאך ווערען. וויי‌טער,
ליבער עולם, א טאמער געהען ארום קלאנגען, אז עס
איז עמיצער שולדיג אין זיין טויט, זאלט איהר וויסען,
אז עס איז אזוי פון גאט בעשטימט געווארען נאך אין
דעם טאג פון אונזער זעליגענס געבוירען ווערען. אזוי און
אזוי זאל ער לעבען. און אזוי און אזוי זאל ער שטארבען.
עס טהוט מיט זיך קיין שום מענש נישט דאס, וואס
איהם געפעלט נור אלעס, וואס עס איז פון גאט אין

הימעל אָנגעצייכענט. זיין לעבען האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט. אונז האָט ער נאָר גרויסע שמערצען אָנגעמאַכט מיט זיין אַוועק גיין פון דער וועלט, אָבער ער האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו פערלירען. זיינע לעבענסטעג זענען שוין געוועזען געענדיגט. און אויב נישט, אויב מען האָט זיי איהם אָבגעריסען אין דער מיט זענען אין דעם גאָר שולדיג מענשען פון גאָר אַנ׳אַנדערע נאַציע און אַנ׳אַנדערע ראַסע. מען זאָגט אַז שטאַרקע בעלי-חובות האָבען זיהם אין דער לעצטער צייט אַרומגערינגעלט און ס׳איז נישט מעגליך געוועזען צו לעבען פון דעם געהאַלט, חאָטש שעהן געהאַלט, וואָס ער האָט פערדיענט אַ חודש. און עס קען זיין, אַז דאָס נור האָט איהם געברענגט צו דעם טריט. ער האָט מיט קיין יודען „חאַלאַטשאַרושעס" נישט געוואָלט האָבען צו טהון — און האָט די גאַנצע וועלט אַוועק געוואָרפען צוליעב זיי און איבערגעלאָזט אַפילע שטוב מיט קינדער, מיט קליינע יתומים.

[שפּרינגט אַראָב פון בענקעל].

[פון צווישען עולם הערט זיך אַנ׳איינגעהאַלטען געוויין אַ געהעשעריי]

אַלין די יודען, די יודען און יעזוסען האָבען זיי געמענטשעט...

[שטיל דער עולם קוקט אָנגעשטרענגט צו דער מיט שטוב, וואו דער קאַסטען מיט דעם טויטען שטעהט]

אנאפּחי: [הויבט אויף אַ קראַנץ איבער אַלע קעפּ און לאָזט איהם אַראָב איבער דעם קאַסטען] דאָס האָט דיר דיין ליעב-האַרציגע בעל-בית׳טע געשיקט צוזאַמען מיט איהר מאַן, הער קאַספּער. נאַ, נעם צו נאָך דאָס איינע, קליינע געשאַנק צום צייכען פון זייער פערעהרען דיך, אַזוי ווי ביי דיין לעבען — אַזוי אויך נאָך דיין טויט. און אין דיין הייליגער, שטילער רוה זאָל עס דיר דיענען פאַר אַ דערמאַנונג פון זייער שטענדיגען קלאַפּאָטשען זיך פאַר דיינעט וועגען, אַזוי ווי פריהער פאַר דיר אַזוי אויך אַציגד, נאָך דיין טויט פאַר דיינע קינדער.

[עס ווערט אַ שטיל גערודער און שטימע בעוועגונגען, חעלענע איז פער׳הלש׳ט געבליבען ליגען אויף אַ שטוהל].

פון צווישען עולם: גיט וואסער, וואסער, חעלענע חלש'ט.

אנאפחי: [מיט א הויכען געשריי] גיט וואסער!

[עמיצער קומט אנצולויפען מיט א שעפ וואסער, מען דערמונטערט די גע'חלש'טע. מען שפריצט איהר אויפ'ן פנים דאס וואסער. א שטיל שווייגען]

אנאפחי: נו שוועסטערשי.

פון צווישען עולם: שוין ס'איז איהר גארנישט.

אניעליטש: קומט העלענטשו ליבע. קומט צו דער לויה פון אייער זעליגען מאן שטארקט אייך. [צו אנאפחי'ן] שוין, עס וועט איהר שוין גארניט זיין.

[אנאפחי טהוט אן דאס גלח'שע העמדעל. אניעליטש העלפט חעלענען אויפשטעהן פון דער שטוהל, האלט זי אונטערען ארעם. אין דער אפענער טיר פון דרויסען, בעווייזט זיך שוין דער קרייץ. געהאלטען פון א שייגעצל אין גאלען קאפ. אנאפחי שטעלט זיך פאר-אויס. די וועקסענע ברענענדיגע ליכט ארום דער טרומנע. מען הויבט זי אויף איבער די אקסלען. אנאפחי זאגט „פסאלמען" און מען הויבט אן ארויסצוגעהען מיט דער לויה. הינטען פיהרט נאך אניע-ליטש חעלענען אונטער'ן ארעם, נאך דעם ארון. נאך זיי געהט קאס-פער און אלע אנדערע שליאכטעס און דער פראסטער עולם. א טייל מאכען די טיהרען ברייטער פינאנדער, א טהיילווארטען אב, א דאך לאזענדיג דעם ארון פאראויס. די פראצעסיע געהט שוין איבער]

(פארהאנג פאלט לאנגזאם)